# פרשת קדושים ל' ניסן – ו' אייר תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת קדושים***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן קנ"ט סעיף י"ג) בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**וידבר** ה' אל משה אחרי מות שני בני אהרן, דער אייבערשטער האט גערעדט צו משה רבינו, נאכדעם וואס נדב ואביהוא זענען געשטארבען, בקרבתם לפני ה' וימותו (ויקרא טז-א), ווען זיי זענען נאנט געקומען צום אייבערשטען, און זיי זענען נסתלק געווארן. אין פרשת שמיני שטייט אין פסוק (שם י-א), אז ווען מען האט מחנך געווען דעם משכן, האבן נדב און אביהוא גענומען אש זרה, און זיי זענען אריינגעגאנגען אינווייניג מיט דעם אש זרה, ותצא אש מלפני ה', און עס איז ארויסגעקומען א פייער פונעם אייבערשטען, ותאכל אותם, און עס האט זיי פארברענט, וימותו לפני ה', און זיי זענען געשטארבען פארן אייבערשטען. דער **בעל הטורים** זאגט דארט (י-ב), אז געווענליך וואו עס שטייט אין פסוק 'אותם' איז עס אן א וא"ו, עס האט נאר א חולם אויף די א', און דא שטייט אותם מלא וא"ו, עס איז אריינגעלייגט א וא"ו אין די ווארט אותם, ווייל אין מדרש (ויק"ר ב-ט) איז אויסגערעכנט זעקס עבירות וואס נדב ואביהוא האבן געהאט, ווען זיי זענען אריינגעגאנגען אינווייניג אין בית המקדש. זיי זענען אריינגעגאנגען מחוסר בגדים, זיי האבן זיך נישט געוואשען די הענט, לא נשאו נשים וכו', און וועגן דעם האט די תורה געשריבן א וא"ו, אין די ווארט ותאכל אותם, אז דאס וואס זיי זענען פארברענט געווארן, איז מלא וא"ו, ווייל עס איז געווען ביי זיי זעקס זאכען, אין וואס זיי זענען נכשל געווארן.

**עס** קען אפשר זיין נאך א רמז אין דעם מלא וא"ו. אין מדרש (שם) שטייט איין טעם, ווייל זיי זענען אריינגעגאנגען מחוסרי בגדים, זיי האבן נישט אנגעהאט אלע בגדים וואס א כהן דארך אנהאבן, און וועגען דעם זענען זיי געשטארבען. עס איז לעצטנס ארויסגעקומען א ספר **יד דוד**, פון **רבי דוד אפענהיים זצ"ל**, פון די פריערדיגע גדולי ישראל, און ער זאגט, וואס איז טייטש אז זיי זענען אריינגעגאנגען מחוסר בגדים, זיי האבן דאך געוואוסט אז מען דארף האבן די בגדים ווען מען גייט אריין אינווייניג, ווי אזוי גייט מען אריין טון די עבודה מחוסר בגדים.

**זאגט** ער, אז זיי זענען אריינגעגאנגען מחוסרי בגדים, זיי האבן נישט אנגעטון די מכנסיים. די איבריגע בגדים האבן זיי אנגעטון, אבער די מכנסיים האבן זיי נישט אנגעטון. ווייל אין די פרשה פון די מילואים (שמות כט) ווען עס איז אויסגערעכנט די בגדים וואס מען זאל אנטון פאר די כהנים, איז נישט אויסגערעכנט די מכנסיים. נאר די גמרא (יומא ה:) זאגט, אז מען האט געדארפט אנטון אויך די מכנסיים, ווייל עס שטייט אין פסוק (שמות כט-א), וזה הדבר, די וא"ו איז מוסיף על ענין ראשון, און פריער האט מען גערעדט אז מען זאל מאכן אלע בגדים, אויך די מכנסיים. וזה הדבר אשר תעשה להם לקדש אותם, זאלסט אנטון פאר אהרן אלע בגדים. זאגט דער **יד דוד**, אז זיי האבן געהאלטן, אז וויבאלד עס איז נישט אויסגערעכנט דארט די מכנסיים, איז די מכנסיים נישט מעכב, זענען זיי אריינגעגאנגען און זיי האבן געטון די עבודה אן די מכנסיים.

**קומט** אויס, וואס איז געווען זייער טעות אז זיי זענען אריינגעגאנגען מחוסר בגדים, ווייל זיי האבן נישט גע'דרשנ'ט די וא"ו וואס איז דא אויף וזה הדבר. איז ממילא ווען די תורה שרייבט ותצא אש ותאכל אותם, האט די תורה אריינגעשטעלט דארט די אות וא"ו, צו ווייזען, אז די טעות וואס זיי האבן זיך טועה געווען אין די הלכה, האט זיך גענומען ווייל זיי האבן נישט גע'דרשנ'ט דעם וא"ו וואס שטייט ביי וזה הדבר.

**זאגט** דער **יד דוד** נאכדעם זייער א שיין ווארט. פארוואס האבן זיי טאקע געהאלטן אז די מכנסיים

איז נישט מעכב, עס מוז דאך זיין א הסבר דערויף. זאגט ער, אז עס שטייט אין **רבינו בחיי** (ויקרא ח-ז), אז דער טעם פארוואס דער כהן האט אנגעהאט שמונה בגדים צו טון די עבודה איז, ווייל די זיבן בגדים וואס ער האט אנגעהאט איז אקעגן די זיבן הימלען, און דער אכטער בגד וואס ער האט אנגעהאט איז אנטקעגן דעם כסא הכבוד, וואס דער אייבערשטער איז העכער פון די שבעה רקיעים. און א כהן בשעת ער האט געטון די עבודה, האט געדארפט מעלה זיין די עבודה אין אלע הימלען, ביז עס איז אנגעקומען צום אייבערשטען. און וועגן דעם האט ער אנגעהאט שמונה בגדים, וואס יעדע בגד איז מכוון אקעגן איינע פון די הימלען, אז די עבודה זאל ארויפקומען אויבען ביז צום אייבערשטען, וואס איז אינדערהייעך. און דער **רבינו בחיי** רעכנט אויס יעדן בגד, אקעגן וועלכע הימל דאס איז. די ערשטע בגד וואס מען האט אנגעטון, די מכנסיים, דאס איז אקעגן די ערשטע הימל. די כתונת איז אקעגן די צווייטע הימל. דער ציץ וואס איז געווען די לעצטע בגד וואס מען האט אנגעטון, שטייט אויפן ציץ קודש לה', ווייל דאס איז אקעגן דעם אייבערשטען וואס איז העכער די שבעה רקיעים.

**זאגט** דער **יד דוד**, אז עס שטייט אין די גמרא (חגיגה יב:), אז עס איז דא שבעה רקיעים, און די גמרא רעכנט אויס די נעמען, וילון, רקיע, שחקים, זבול, מעון, מכון, ערבות. די ערשטע הימל ווערט אנגערופן וילון, א פורהאנג. און די גמרא זאגט, וילון אינו משמש כלום. אין יעדע הימל איז דא א זאך וואס דער אייבערשטער האט אהין אריינגעלייגט, די חמה, די לבנה, אוצרות פון גשם און פון שלג, אין איין הימל זענען די מלאכים וואס זאגן שירה, דער בית המקדש איז בנוי אין די הימל וואס הייסט מעון. אבער וילון איז אינו משמש כלום, וילון איז א הימל וואס עס איז נישטא דארט גארנישט, נאר יעדע נאכט טוט דער אייבערשטער אויסשפרייטען דעם הימל, און יעדן צופרי טוט דער אייבערשטער צוריק עפענען דעם הימל. און רש"י זאגט, אז עס איז אזוי ווי א פורהאנג, ביינאכט מאכט מען צו די פורהאנג, און דאס מאכט טונקל די וועלט, ווייל די ליכטיגקייט פון אויבן קומט נישט אראפ, און צופרי מאכט מען אויף די פורהאנג, אז די ליכטיגקייט פון אויבן זאל אראפקומען אויף די וועלט, אבער פאר זיך אליין, איז עס גארנישט משמש. און רש"י גיט צו, אז דאס איז דער טייטש וואס מיר זאגן יעדן טאג ביים דאווענען, המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית, אז יעדן טאג איז דער אייבערשטער מחדש, ער עפענט דעם הימל, און ער מאכט צו דעם הימל, און פון דעם קומט אור און חושך.

**דער** מכנסים וואס איז דער ערשטער בגד, איז מכוון אקעגן די ערשטע הימל. און אזוי ווי דער הימל באדינט נישט בייטאג, נאר ביינאכט, ווייל צופרי איז עס אפען כדי דער ליכטיגקייט זאל אראפקומען. און די עבודה פון קרבנות איז דאך נאר בייטאג און נישט ביינאכט, האבן זיי געהאלטן אז מען דארף נישט אנהאבן די בגד המכנסיים, וואס איז אקעגן דעם הימל וואס ווערט אנגערופן וילון, ווייל דער וילון איז דאך אינו משמש כלום. און וואס עס טוט יא, איז דאך עס נאר ביינאכט, אבער עס איז נישט משמש בייטאג, איז וועגן דעם האבן זיי געהאלטן אז מען דארף נישט אנהאבן די מכנסיים, און עס איז נישט מעכב די עבודה. אזוי טייטשט דער **יד דוד**. ער האט עס זייער שיין צוגעשטעלט צו דעם **רבינו בחיי**.

**קומט** דאך אויס, אז די סיבה פארוואס זיי האבן נישט אנגעהאט די מכנסיים, ווייל זיי האבען געהאלטן אז מען דארף נאר האבן א בגד אנטקעגן די זעקס רקיעים, אבער אנטקעגען דעם זיבעטען רקיע, וואס דאס איז דער וילון, אנטקעגן דעם דארף מען נישט האבן א בגד. איז וועגן דעם איז ותצא אש מלפני ה' ותאכל 'אותם' מלא וא"ו, די תורה האט אריינגעשטעלט א וא"ו, צו ווייזען אז זייער טעות וואס זיי האבן געהאט, אז זיי זענען אריינגעגאנגען מחוסר בגדים, ווייל מען דארף נישט אריינגיין מיט די מכנסיים, איז ווייל זיי האבן געהאלטן, 'וא"ו', אז מען דארף נאר האבן די בגדים אקעגן די זעקס הימל'ן, אבער די מכנסיים וואס איז אקעגן דעם ערשטען הימל, האבן זיי געהאלטן אז וויבאלד וילון איז אינו משמש כלום, דארף מען נישט האבן א בגד אקעגן דעם.

*

***יום שני פרשת קדושים***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי וביקר אצל הר"ר **שלום יוסף שטייף** הי"ו.

***וזה תוכן השיחה:***

**הר"ר שלום יוסף הראה לרבינו שליט"א כתבי ידיו של זקינו מרן הגאון רבי יונתן שטייף זצוק"ל אב"ד דקהלתנו הק'**

**רבינו:** ב"ה מען האלט אין איין דרוקען, מען דרוקט זייער שיין.

**הר"ר שלום יוסף:** עס איז דא ארום הונדערט טויזנט עמודים פון זיינע כתבי ידות וואס מען האט געלאזט סקענע"ן. פון וואו האט ער געהאט אזויפיל צייט צו שרייבען?

**רבינו:** און ער האט אלעס אזוי רוהיג געשריבען.

**הר"ר שלום יוסף:** יעדע זאך האט ער תיכף אראפגעשריבען. וקנה לך חבר (אבות א-ו), ער האט געהאט א פעדער אין די האנט, און אלעס האט ער געשריבען. וועגען דעם איז אסאך מאל זייער שווער, למשל די סוגיא פון נפש (חולין קכ:), איז דא דערויף אכט מהדורות! קען מען דען דרוקען די אכט מהדורות, מען מוז עס אסאך בע'ארבעטן.

**א' מהנוכחים:** רוב איז פון נאכן קריג, פון פארן קריג איז כמעט אלעס פארלוירען געווארן.

**רבינו:** דאס הייסט, אז אלעס איז פון ארום פופצען יאר. ער איז דאך אוועק תשי"ח.

וואס דרוקט מען יעצט פונעם זיידען?

**הר"ר שלום יוסף:** אויף מסכת שבת, און די תולדות, און אויך די תשובות. די קינדער און די אייניקלעך גייען נאך, און זיי טרעפן נאך אזויפיל תשובות וואס איז דא אין די וועלט.

די תשובות איז זייער א איידעלע זאך, כאטש מען האט אויפגעפאסט און נאכגעשריבן געהעריג, אבער קיינער האט עס נישט נאכגעקוקט. עס איז דאך הלכה למעשה, א מענטש איז דאך א מענטש. אויב א מראה מקום שטימט נישט, און דאס ארויסגעבן אלץ הלכה למעשה, איז זייער א האקעלע זאך. - די ערשטע מאל ווען מען האט געדרוקט, האט קיינער נישט געוואלט איבערקוקען, און מען האט געדרוקט זאכן וואס איז שווער צו פארשטיין.

**רבינו:** אז נישט וואלט מען עס קיינמאל נישט געדרוקט. ב"ה מען האט עס אפגעדרוקט. יעצט וועט מען פאררעכטן וואס מען קען, און וואס מען קען נישט, קען מען נישט. מן הזהירות שלא תרבה להזהר (לשון **החובות הלבבות** בהקדמתו). אז מען וויל אז אלעס זאל זיין פונקטליך, קומט מען נישט אן. וויפיל כתבי ידות איז פארבליבען, און עס איז קיינמאל נישט ארויסגעקומען, ווייל מען האט געוואלט איבערארבעטן, און מען האט געטראכט אז מען וועט אנקומען, און נאכדעם ווערט עס פארפאלן.

*

**הר"ר שלום יוסף:** איך דערמאן זיך אלס פון **רבי חיים לייב שליט"א [גאב"ד סערדאהעלי]**, מיר האבן געלערנט אין איין כתה [בישיבת קאשוי], דער עולם האט נישט קיין השגה ווער ער איז. ער איז געווען א חברותא מיט רבי נתן קארפל בלייער נ"י, פון ווען זיי זענען אריינגעקומען אין די ישיבה, האבן זיי קיין אנדערע חברותא נישט געהאט. ער האט געהאט א שארפן קאפ. ווען מען האט געלערנט די סוגיא פון איזהו נשך, האט דער רבי [**הגה"צ מקאשוי**] זצ"ל גערזאגט, אז ווען מען לערנט די גמרא און די סוגיא, איז גענוג אז מען לערנט גמרא רש"י תוספות, אפילו אן די מהרש"א און די מהר"ם איז אויך גענוג. געדענק איך, ווי זיי האבן געזאגט, אונז וועל מיר לערנען אלעס. זיי האבן אנגעהויבן די גמרא, זיי האבן געלערנט אזוי פלייסיג, נישט מבטל געווען א מינוט. עס איז געקומען פרייטאג פארטאגס צום פארהער, און דער רבי ז"ל האט קיינמאל נישט פארהערט, נאר אויב מען האט געחזר'ט אויך. נאכן פרעגן אויב מען האט עס גע'חזר'ט, דעמאלטס האט ער פארהערט. פרעגט ער זיי, וואס האט עטץ געלערנט? מהרש"א, זאגן זיי יא. מהר"ם, יא. רא"ש, יא. ר"ן, יא. רשב"א ריטב"א, יא. פני יהושע, יא. חתם סופר, יא. דער רבי איז ממש נתפעל געווארן, און זיי האבן עס געקענט. אין איין וואך האבן זיי אלעס אריינגעכאפט. - דאס איז אלעס מיטן זיין א מעורב בין הבריות וכדומה.

**רבינו:** עס שטייט אין די גמרא (ברכות לב:) אז עס איז דא א ברכה אין די תורה, מתוך שחסידים הם תורתן מתברכות, תורתן משתמרת.

**הר"ר שלום יוסף:** דער זיידע ז"ל פלעגט זאגן פשט, כל הלומד תורה לשמה זוכה לדברים הרבה (אבות ו-א), ער איז זוכה לדברים הרבה, אז ער קען ארייננכאפן אסאך זאכן, ער האט א ברכה אין די צייט.

**רבינו:** נאך די חתונה איז ער געווען א חברותא מיטן **קאשויער רב, רבי אליעזר חיים**. יעדן ליל שישי האבן זיי געלערנט יארן לאנג.

*

**הר"ר שלום יוסף:** איך האב אמאל געהערט, איך ווייס נישט אויב דאס איז אמת, אדער אויפן רבינ'ס טאטע, אדער אויפן **פאפא רב זצ"ל**, זיי זענען דאך געווען מקורב ביים **בעלזער רב זצ"ל**, און אמאל שבת האט דער **בעלזער רב** מכבד געווען צו דאווענען פארן עמוד, און דער **בעלזער רב** האט אסאך מאל געדאוונט זייער שנעל, און דער בעל תפלה איז נאכנישט געווען פארטיג מיט די שמונה עשרה, האט ער זיך אפגעשטעלט אינמיטן שמונה עשרה, און ער האט אנגעהויבן די הויכע שמונה עשרה. האט מען אים געפרעגט דערויף. האט ער געזאגט, אז די משנה (ברכות ה-א) זאגט, אז מען טאר נישט מפסיק זיין אינמיטן שמונה עשרה, אפילו ווען א נחש איז כרוך על עקבו. און די גמרא (שם לג.) זאגט, אז ביי א עקרב מעג מען יא. האט ער געזאגט, אויף א תלמיד חכם שטייט אין די משנה (אבות ב-י) שעקיצתן עקיצת עקרב, מעג מען מפסיק זיין. די רבי האט געהערט פון די מעשה?

**רבינו:** עס איז געווען ביים זיידן דער **סערדאהעלער רב זצ"ל**, מיין טאטענ'ס טאטע. איך האב עס געהערט פונעם **וויזניצער רבי שליט"א**, אז ער איז געווען דעמאלטס שבת [שבת סליחות תש"ג לפ"ק] ביים **בעלזער רב** אין פעסט. און ער האט מיר געזאגט, אז מען האט געזאגט, אז ער האט אויסגעטרעטן אינמיטן די שמונה עשרה, און ער האט אנגעהויבן די הויכע שמונה עשרה[א].

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת ראש חודש שהתקיים בבית מדרשנו התאחדות אברכים במאנסי, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פרשה די וואך הייבט זיך אן קדושים תהיו, כי קדוש אני ה' אלקיכם (ויקרא יט-ב). די תורה הייבט אן מיט גאר הויכע מדרגות וואס מען פארלאנגט פון א יוד. קדושים תהיו, איר זאלט זיין הייליג, כי קדוש אני ה' אלקיכם, ווייל דער רבונו של עולם איז הייליג. עס שטייט אין מדרש (ויק"ר כד-ט), יכול כמוני, ווּעסטו מיינען אז אזוי ווי דער אייבערשטער איז א קדוש, אזוי זאלן מיר זיין קדושים. תלמוד לומר כי קדוש אני ה' אלקיכם,

---

[א] נעתיק מתוך תוכן השיחה של **רבינו שליט"א** בעת ניחום אבלים אצל **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** בפטירת בנו **הגה"צ אב"ד דק"ק תורת חיים וויזניץ ב"פ זצ"ל**, יום ב' פרשת שלח תשע"ה לפ"ק.

**אב"ד וויזניץ וומסב"ג:** דער טאטע געדענקט, ווען דעם וויענער רב'ס זיידע, דער **סערדאהעלער רב** איז געווען אויף שבת אין פעסט ביים **בעלזער רב**.

**האדמו"ר מוויזניץ:** עס זענען געווען אסאך רבנים דארט אויף שבת, איך געדענק נישט יעדן איינעם פונקטליך, דעם **סערדאהעלער רב** געדענק איך, אז ער איז געווען אויף שבת, און ער האט געדאווענט מנחה פארן עמוד. אין בעלזא האט מען זייער שנעל געדאווענט.

**אב"ד וויזניץ מאנסי:** דער טאטע זאגט דאך אייביג 'אלמלא ראיתי לא האמנתי' [בגודל מהירות התפלה אצל **הרה"ק מבעלזא זצ"ל**].

**האדמו"ר מוויזניץ:** אפילו די בעלזער חסידים האבן זיך געחידוש'ט.

**רבינו:** דער רבי האט געזאגט אמאל, אז מען האט געזאגט דעמאלטס, אז דער זיידע [**הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל**] האט אויסגעטרעטן אינמיטן די שטילע שמונה עשרה, אז ער זאל קענען אנפאנגען די הויכע שמונה עשרה

**האדמו"ר מוויזניץ:** אזוי האט מען געזאגט דארטן, איך ווייס נישט. אבער איך גלייב עס נישט.

**רבינו:** איך האב געהערט פון מיין טאטע ז"ל, אז ער איז אמאל געווען ביים **בעלזער רב** אין בעלזא, עס איז געווען שלש עשרה מדות, און ער האט נאך דעמאלטס מקפיד געווען צו דאווענען פאר חצות, ווען ער איז אריינגעקומען איז געווען צען מינוט צו צוועלף, און ווען ער האט געזאגט פסוקי דזמרה, - מיין טאטע פלעגט צו זאגן, איך וועל דיר זאגן ווי אזוי איך האב עס געהערט פון אים - הללוי-ה, הללוי-ה, הללוי-ה, הללוי-ה, כל הנשמה תהלל י-ה הללוי-ה, אמר אויב ארדוף..אחד, ישתבח.

**האדמו"ר מוויזניץ:** כמעט ממש אזוי... איך האב געהערט דערפון פארדעם [שמתפלל במהירות], אבער אזוי שנעל... איך בין דאך געווען א פרעמדער איז עס געווען א חידוש, אבער אפילו די בעלזער חסידים האבן זיך געוואונדערט.

קדושתי למעלה מקדושתכם. מען בעהט נישט אז מען זאל זיין אזוי הייליג ווי דער אייבערשטער, ווייל מיין קדושה איז העכער פון ענקער קדושה. איז דאך די קשיא, יעדער פארשטייט אז דער אייבערשטען'ס קדושה איז העכער פון אונז, און מען קען נישט פארלאנגען פון א בשר ודם, אז ער זאל זיין הייליג ווי דער אייבערשטער. וואס איז דער מכוון וואס די תורה ברענגט ארויס, אז מען פארלאנגט פון אונז קדושים, אבער נישט אזוי ווי דער אייבערשטער, נאר מענטשליך הייליג, אנשי קודש תהיון לי (שמות כב-ל). - מען ברענגט אויך צו א רמז, אז 'קדשים' איז חסר וא"ו, וואס דאס איז טייטש אז עס פעלט פון די קדושה, צו ווייזען אז אפילו ווען דער אייבערשטער בעהט פון א יוד קדושים, מיינט עס נישט אז ער זאל זיין אין די מדרגה פונעם אייבערשטען, נאר קדושים חסר וא"ו, מענטשליך הייליג, און נישט אזוי הייליג ווי דער אייבערשטער.

**עס** קען אפשר זיין דער ענין דערפון. איך וועל מקדים זיין א ווארט פונעם **חתם סופר** (**תורת משה** פ:), און איך וועל עס אביסל מרחיב זיין. עס איז באקאנט וואס עס שטייט פונעם **של"ה הק'** (תורה אור פ' קדושים), אז בשעת מען זאגט מוסר פאר יענעם, איז דא צוויי אופנים ווי אזוי מען קען זאגן מוסר. ווען מען זעהט אז יענער פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, קען מען אים אפזידלען, פארוואס טוסטו אזוי, עס פאסט נישט אזוי צו טון, און מען זאגט אים מוסר. דער צווייטער וועג איז, אז מען הייבט יענעם אויף, מען שעצט אים. און ווייל איך שעץ דיך, וועגן דעם פאסט נישט אז דו זאלסט זיך אזוי אויפפירן.

**דער** פסוק (משלי ט-ח) זאגט, 'אל תוכח לץ פן ישנאך', זאג נישט מוסר פאר א לץ, ווייל אפשר וועט ער דיך פיינט האבן, 'הוכח לחכם ויאהבך', זאג מוסר פאר דעם חכם, וועט ער דיך ליב האבן. וואס דער פשוטער פשט איז, אז ווען מען זאגט מוסר פאר א לץ, וואס האלט נישט דערביי, ברענגט עס שנאה. אבער א גוטער פריינט, איינער וואס איז א חכם, און ער פארשטייט אז יענער וויל אים נישט טשעפענען, ער מיינט נישט מיין שלעכטס, ווען ער איז מיך מעורר אויף עפעס, איז אדרבה האט ער ליב אז מען זאגט אים תוכחה. איך פיר זיך נישט אויף מיט א זאך ריכטיג, זאג מיר וואס איך טו נישט גוט, וועל איך מיר פירן גוט.

**דער של"ה הק'** טייטש אבער, 'אל תוכח לץ', ווען דו זאגסט פאר יענעם מוסר, זאג אים נישט, דו לץ וואס דו ביסט, אזוי פירט מען זיך אויף? 'וישנאך', אז דו הייבסט אן צו זאגען אז ער איז געמיין, וועט ער דיך תיכף פיינט האבן, און ער וועט נישט מקבל זיין וואס דו זאגסט. 'הוכח לחכם', זאג אים תוכחה, דו ביסט דאך א חכם, ביסט דאך א קלוגער מענטש, ביסט דאך א ערליכער, עס פאסט נישט פאר דיר, אז דו זאלסט זיך אזוי פירן, 'ויאהבך', דעמאלטס וועט ער דיך ליב האבן.

**עס** קוקט אויס, ווי דער ווארט איז, אז מען זוכט עפעס א וועג ווי אזוי מען קען יענעם כאפן. און אז דו וועסט אים זאגן אז דו ביסט א לץ, וועט ער נישט אננעמען די מוסר, אבער ווען מען וועט אים זאגן אז ער איז א חכם, וועט ער אננעמען די מוסר. עס איז אזא מין טרי"ק, ווי אזוי מען זאל קענען יענעם כאפן, אז ער זאל מקבל זיין די מוסר. אבער עס איז נישט אזוי, עס איז זייער א אמת'דיג ווארט. ווייל די אמת איז, אז יעדער וויל זיין גוט, גלוי וידוע לפניך שרצונינו לעשות רצונך, אמת לאמיתו וויל יעדער זיין גוט, נאר וואס דען, מי מעכב, שאור שבעיסה ושיעבוד גליות (ברכות יז.), עס איז דא זאכן וואס זענען מעכב. אבער בעצם וויל ער אז טאמער ער פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, זאל מען אים מעורר זיין, ווייל ער וויל דאך גיין אויפן גוטן וועג. מען זאגט אים נישט א זאך וואס ער וויל נישט הערן, מען זאגט אים דאך א זאך וואס בעצם וויל ער הערן, ווייל א מענטש איז גוט.

**עס** שטייט אין רמב"ם (הל' גירושין ב-כ), אז ווען איינער וויל נישט געבן א גט, און דער בית דין צווינגט אים צו געבן א גט, כופין אותו עד שיאמר רוצה אני, מען גיט אים קלעפ, ביז ער זאגט רוצה אני, איך בין מסכים, און ער גיט עס מרצונו. וואס איז טייטש אז ער זאגט רוצה אני, ער האט דאך נישט געוואלט, ער האט נאר נישט א ברירה, ער וויל נישט כאפן נאך קלעפ, זאגט ער רוצה אני,

אבער עס איז דאך נישט דא זיין רצון. זאגט דער רמב"ם, ווען א יוד זאגט רוצה אני, וויל ער עס באמת. איי ביז יעצט האסטו דאך נישט געוואלט, דאס איז נאר ווייל ער האט זיך נישט געקענט מתגבר זיין, אז ער זאל קענען אויספירן זיין רצון, און ווען מען האט אים געגעבן גוטע קלעפ, און ער מוז שוין זאגן רוצה אני, זאגט ער באמת וואס ער וויל, ווייל א מענטש וויל זיין גוט.

**ווען** מען זאגט מוסר פאר איינעם, זאג אים נישט, דו ביסט א געמיינער מענטש, ווייל ער איז באמת נישט געמיין, ער איז נישט א לץ, 'הוכח לחכם', זאג אים אז דו ביסט א חכם, דו ביזט באמת א וואוילער יונגערמאן, דו ווילסט באמת זיין גוט, און דו ביזט דאך גוט, און עס פאסט נישט אז דו זאלסט זיך אזוי אויפפירן, 'ויאהבך', וועט ער דיך ליב האבן, און ער וועט מקבל זיין די תוכחה.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, דער אייבערשטער בעהט פון אונז קדושים תהיו, מיר זאלן זיין הייליג. ווי אזוי קען מען בעטן פון א בשר ודם אז ער זאל זיין הייליג, זאגט דער **חתם סופר**, כי קדוש אני ה' אלקיכם, איך דער רבונו של עולם רוף זיך, אז איך בין אלקיכם, איך בין ענקער גאט. יעדער דארף וויסען אז דער אייבערשטער איז זיך מתייחס מיט אים, דער אייבערשטער זאגט, אלקיכם, איך בין ענקער גאט. פאר איינער וואס דער אייבערשטער איז זיך מתייחס מיט אים, און ער רופט זיך אלקיכם, קען מען פון אים פארלאנגען קדושים תהיו, ווייל איך בעהט נישט פון אים א זאך וואס איז נישט מעגליך פאר אים, איך בעהט פון אים א זאך וואס איז מעגליך. דו דארפסט וויסען דיין גרויסע מעלה, דו האסט א נשמה א חלק אלו-ה ממעל, דו ביזט א קינד פונעם אייבערשטען, און דער אייבערשטער רימט זיך מיט דיר, ישראל אשר בך אתפאר (ישעיה מט-ג). דער אייבערשטער האט דיך אראפגעברענגט אויף די וועלט, און ער וויל האבן פון דיר א תכלית. אז דו ביזט א קינד פונעם אייבערשטען, און דער באשעפער רופט זיך אלקיכם, דאס פאדערט עפעס, דו מוזט דיך צושטעלן דערצו, אז דו זאלסט זיין קדושים. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, 'קדושים תהיו', איך בעהט פון יודען אז זיי זאלן זיין קדושים, ווייל 'כי קדוש אני ה'', ווייל איך דער אייבערשטער וואס איז א קדוש, 'אלקיכם', איך בין זיך מתייחס נאך ענק, איך רוף זיך אלקיכם, איך בין ענקער גאט.

**און** אזוי איז דער אמת, ווען א יוד ווייסט די געוואלדיגע מעלה וואס ער האט, אז מיר זענען בני א-ל חי, אז מיר זענען קינדער פונעם רבונו של עולם, א קינד פונעם מלך, מען קען זיך נישט פירן ווי א פשוטער מענטש פירט זיך. א קינד פון א מלך פארשטייט, און מען דארף אים אפילו נישט זאגן, ער פארשטייט אז ער איז א בן מלך, און ער האט אנדערע גדרים ווי אזוי ער דארף זיך פירן, ווי א פשוטער מענטש האט. אזוי דארף זיין א יוד, ער דארף וויסען אז מיר זענען בני מלכים, מיר זענען קינדער פונעם אייבערשטען, און מיר דארפן זיך פירן הייליג.

*

**וואס** מיינט קדושים, אז מען זאל זיין הייליג. טייטשט דער **רמב"ן** (בפרשתנו), אז מען רעדט נישט יעצט אז מען זאל נישט עובר זיין אויף א זאך וואס שטייט אין חומש, צו דעם דארף מען נישט א ציווי קדושים, אויף דעם איז דא אלע לאווין און אלע עשין אין די תורה. נאר עס פארלאנגט זיך פון א יוד, קדש עצמך במותר לך. נאכדעם וואס די תורה האט דיר גע'אסר'ט וואס מען טאר נישט טון, און די תורה האט דיר מתיר געווען וואס דו מעגסט טון, קומט יעצט א מצוה אין די תורה, קדושים תהיו, אין די חלקים וואס די תורה האט דיר מתיר געווען, זאלסטו זיין הייליג. א מענטש טאר נישט עסן מאכלות אסורות, אבער מאכלות מותרות מעג ער עסן וויפיל ער וויל, עס האט נישט קיין שיעור. זאגט אים די תורה, קדושים תהיו, דו זאלסט נישט עסן ווי א בהמה, נאר ווי א מענטש. עס ערליך, עס לשם שמים, פיר דיך נישט אויף ווי א פשוט'ער מענטש פירט זיך, נאר קדושים תהיו, זיי הייליג ווען דו עסט.

**די** תורה האט גע'אסר'ט דיבורים וואס מען טאר נישט רעדן, און עס איז דא דיבורים וואס עס שטייט נישט א לאו אין די תורה אז מען טאר עס נישט רעדן. ניבול פה איז נישט אויסגערעכנט אין

די תורה אז מען טאר נישט רעדן, עס איז נישט דא דערויף א לאו אין די תורה, אבער פאר איינעם וואס איז א בן מלך, פאר איינער וואס פירט זיך בקדושה, דער ווייסט אז ער קען נישט רעדן אזוי ווי א נבל, ער מוז רעדן אזוי ווי עס פאסט צו רעדן פאר א ערליכען יוד.

**די** תורה האט געאסר'ט עריות, און די תורה האט מתיר געווען אשתו, זאגט די תורה, קדש עצמך במותר לך, עס איז דא אן ענין פון קדושה וואס א יוד דארף זיך מקדש זיין אין א זאך וואס איז מותר. די לשון פונעם הייליגען **רמב"ן** איז, מען זאל נישט זיין א נבל ברשות התורה. מען קען אמאל זיין א נבל ברשות התורה, ווי שטייט אז מען טאר עס נישט טון? עס שטייט טאקע נישט אין ערגעץ אז מען טאר עס נישט טון, אבער נישט אלעס וואס עס שטייט נישט אז מען טאר עס נישט טון, איז טייטש אז עס איז א חיוב אזוי צו טון, און מען דארף אזוי צו טון. די תורה האט געאסר'ט געוויסע זאכן וואס מען טאר נישט טון, און די תורה האט מתיר געווען געוויסע זאכן, און אין די זאכן וואס די תורה האט מתיר געווען, דארף זיך א יוד פירן הייליג, און נישט זיין א נבל ברשות התורה. ער האט רשות התורה, מען קען אים נישט אויפצייגען ווי עס שטייט אין חומש אז מען טאר עס נישט טון, און פון דעסטוועגן דאך איז ער א נבל, א קדוש איז ער נישט.

**מען** געפונט ביי א מצורע, אז מען האט געלייגט פונעם דם און פונעם שמן על בהן ידו ועל בהן רגלו (ויקרא יד-יד). וואס עפעס האט מען געלייגט פונעם שמן און פונעם דם על בהן ידו ועל בהן רגלו. ווייל א מצורע קומט דאך ווייל ער האט געזינדיגט, על שבעה דברים נגעים באים (ערכין טז.), צרעת איז פארבינדן מיט א חטא, וואס דער אייבערשטער האט אים געשטראפט דערויף. וועט ער דאך מיינען, אז ווען ער איז זיך מטהר, און ער וועט מער נישט טון די גראבע עבירות וואס איז דא אין צרעת, האט ער יוצא געווען ידי חובתו. האט די תורה געהייסען, ניין, עס איז נישט גענוג אז דו וועסט נישט עובר זיין אויף א זאך וואס שטייט בפירוש אז מען טאר נישט טון, דו דארפסט וויסען, אז דו טארסט נישט זיין א נבל ברשות התורה. אין די זאכען וואס איך האב דיר יא מתיר געווען, דארפסטו זיך אויך אויפפירן ערליך. 'בהן' איז די ראשי תיבות נ'בל ב'רשות ה'תורה. די תורה האט געהייסען אז מען זאל עס לייגען על בהן ידו ועל בהן רגלו, מרמז צו זיין, אז וואס דו טוסט מיט די הענט און מיט די פוס, זאלסטו נישט נאר נישט טון א זאך וואס מען טאר נישט, נאר זאלסט אויך נישט זיין דערמיט א נבל ברשות התורה, דו דארפסט זיך פירן ערליך.

*

**רש"י** זאגט, קדושים תהיו, פרשה זו בהקהל נאמרה, די פרשה איז געזאגט געווארן בהקהל, מפני שרוב גופי תורה תלויין בה. פשוט פשט איז, אז משה רבינו האט צוזאמגענומען דעמאלטס גאנץ כלל ישראל, וויבאלד רוב גופי תורה זענען תלוי דערין, האט ער גערעדט צו יעדן איינעם. אין די מפרשים שטייט, אז די פרשה פון קדושים איז בהקהל נאמרה. **ווען א יוד וויל זיך פירן ערליך, ער וויל זיין א קדוש, גייט עס נישט פון זיך אליין. ער מוז האבן חיזוק, ער מוז האבן א גוטע חברותא, ער זאל הערן מוסר, ער זאל האבן אן אויר פון ערליכקייט, די אלע זאכן העלפן צו, אז א מענטש זאל זיך פירן ערליך.** ווען א מענטש זיצט אליין ביי זיך אין שטוב, און ער וויל זיין ערליך, טרעפט דער יצר הרע אויך א פלאץ ווי ער קען זיין ביי אים. אבער ווען א מענטש האט א גוטע סביבה ווי ער דרייט זיך שטענדיג, ערב ובוקר וצהרים, ווען ער איז צוזאמען מיט מענטשען איז זיין סביבה א גוטע סביבה, הרבה חברותא עושה (סוטה ז.), חברותא איז אסאך משפיע אויפן מענטש. ווען עס איז א שלעכטע חברותא, פירט עס אראפ דעם מענטש פונעם ריכטיגען וועג, און ווען עס איז א גוטע חברותא, טוט עס דערהייבן דעם מענטש.

**עס** שטייט פונעם **בעלזער רב, רבי ישכר דוב זי"ע**, אז יעדן טאג ביי די ברכת השחר זאגט מען צוויי יהי רצון'ס, און אין יעדע יהי רצון איז אויסגערעכנט אנדערע בקשות, אבער איין בקשה איז אויסגערעכנט איןביידע יהי רצון'ס, אז דער אייבערשטער זאל אים מציל זיין פון א חבר רע, פון א שלעכטען חבר, דאס ווערט דערמאנט אין

ביידע. ווייל אויף ניצל צו ווערן מחבר רע, פון א שלעכטען חבר, דארף מען דאפעלט בעטן. ווייל ווען מען האט א חברותא וואס איז נישט גוט, ציהט עס אראפ דעם מענטש. און פון די אנדערע זייט, א גוטע חברותא, מען לערנט צוזאמען, מען דאוונט צוזאמען, ווי נישט ווי, הערט מען אמאל א גוטווארט פונעם חבר. דער חבר זעהט אמאל ווי ער פירט זיך נישט ווי עס דארף צו זיין, איז ער אים מעורר. ווען מען געפונט זיך אין א גוטע חברותא, דערהייבט עס דעם מענטש.

**וואס** מיינט א גוטע חברותא? א גוטע חברותא מיינט, אין אלעם. לא מיבעיא **ווען מען איז אין בית המדרש, דארף מען האבן א גוטע חברותא, דער בית המדרש זאל זיין פון וואוילע יונגעלייט. און אין בית המדרש אליין, ווי זיצטסטו? זיצטו נעבן א חבר וואס שמועסט, אדער דו זיצט נעבן א חבר וואס דאוונט. און ווי אזוי דאוונט ער, דאוונט ער ערליך, דאוונט ער מיט א קול, דאוונט ער מיט א כוונה. די אלע זאכן זענען משפיע. ווען דו קומסט אריין אין בית המדרש, זוך דיר אויס אז דיין פלאץ זאל נישט זיין נעבן די וואס שמועסן, זעץ דיך נעבן איינעם וואס דאוונט געהעריג, עס וועט משפיע זיין אויף דיר. טאמער דו וועסט זיך זעצן נעבן איינעם וואס האלט נישט דערביי, וועט עס משפיע זיין אויף דיר, און דו וועסט אויך מיט די צייט אזוי ווערן. דא זאגט ער א דזשא"ק, דא מאכט ער א געלעכטער, און מען פארלירט נאכדעם דאס ערנסטקייט וואס מען האט.** - ווען עס קומט אויס צו ארבעטן צוזאמען, און מען קומט אסאך מאל צוזאמען מיט פארשידענע מענטשען וואס מען דארף זיצן אינאיינעם, קלויב דיר אויס די בעסטע וואס דו קענסט. פון די חברותא וואס דו ביסט, אין די פרייע צייט וואס דו האסט, און דו דארפסט אמאל רעדן צו איינעם, זוך דיך צוצושארן צו א גוטע חברותא, ווייל הרבה חברותא חברותא עושה.

**ווען** די תורה פארלאנגט פון אונז קדושים תהיו, אז מיר זאלן זיין הייליג, און די תורה פארלאנגט נאך אזא סארט קדושים, אז מען זאל נישט זיין א נבל ברשות התורה, קדש עצמך במותר לך, 'פרשה זו בהקהל נאמרה', די פרשה, אז דו זאלסט קענען זוכה זיין צו קדושים תהיו, דארפסטו האבן א 'הקהל', דו מוזט האבן א חברותא וואס זאל דיך צוהעלפן צו דעם קדושים תהיו.

**און ווענן דעם האט מען ביי חסידים מקפיד געווען, אז מען האט געדאווענט צוזאמען, און עס איז געווען א שטיבל צוזאמען פאר די חברותא, ווייל מען האט געוואוסט אז די חברותא איז משפיע אויפן מענטש. און מען האט טאקע געזען, אז אין די אלע מקומות ווי עס האט זיך געהאלטן יודישקייט, האט זיך עס געהאלטן ווענן דעם וואס מען האט זיך געהאלטן צוזאמען, און עס איז געווען א חברותא טובה.** - אין מאנסי וואוינט מען ווייט איינער פונעם צווייטען, און עס איז אסאך מאל שווער אז מען זאל זיך קענען צוזאמקומען די גאנצע חברותא צוזאמען, אבער עכ"פ מזמן לזמן איז גוט אז מען קומט זיך צוזאם.

**מען** זאגט נאך פונעם **בית אברהם, דער סלאנימער רבי**, אז אין אלע מקומות וואו ער האט געהאט חסידים, האט ער געבעטן מען זאל מאכן א שטיבל פאר די סלאנימער חסידים צו דאווענען. און עס איז געווען א שטעטל ווי עס איז געווען קוים צען פופצן יודען, און ער האט געהייסען אז מען זאל מאכן א עקסטערע מנין פאר זיי צו דאווענען. אמאל האט אים א חסיד געפרעגט, אז ער וואוינט זייער ווייט פונעם שטיבל אין שטאט, **ווי ווייט דארף מען וואוינען פונעם שטיבל, אז מען זאל דארפן קומען דאווענען אין שטיבל?** האט ער געזאגט, עס ווענט זיך ווי ווייט עס איז פונעם הארץ. די ווייטקייט האט נישט צו טון, צו עס איז א גאס ווייטער, אדער א גאס נענטער, עס האט צו טון ווי ווייט דיין הארץ איז. **דער וואס האט א נאנט הארץ, דער קומט פון דערווייטענס אויך, און דער וואס האט א ווייט הארץ, מעג ער זיין א שכן טיר ביי טיר, וועט ער אויך נישט אריינקומען.** - דאס וואס מען קומט זיך צוזאם האט א גרויסע השפעה, און אפילו מען קען נישט קומען אלע תפלות, אבער עכ"פ א חלק פון די תפלות, דארף מען אנהאלטן מיט די חברותא צוזאמען, און עס וועט צוברענגען דערצו, אז מען וועט נתעלה ווערן.

**מילא** שבת איז דא א תירוץ, מען קען נישט פארן מיט די קאר, אבער אינדערוואכן וואס מען קען יא

קומען, עכ"פ ביינאכט, **אז מען קומט זיך צוזאם און מען לערנט אינאיינעם אין בית המדרש, האט עס א געוואלדיגע השפעה אויף די חברותא. עס האט א השפעה אויף זיך, און עס האט א השפעה אויף יענעם. אז דו קומסט, קומט דער חבר אויך. און ווען מען קומט אריין אין בית המדרש און עס איז דא א קול תורה, לערנט יענער מיט, אבער ווען עס איז נישט דא א קול תורה, שוואכט עס אפ. א יוד איז נישט גענוג אז ער קוקט אויף זיך, וואס פאר מיר איז בעסער, ער דארף זיך אייביג רעכענען אויך מיט די חברותא.** און אמאל האט מען זכות הרבים, אז מען טוט אויף, אז דער צווייטער זאל לערנען בעסער, און דער צווייטער זאל זיך בעסער האלטן.

**א** קדוש איז טייטש א פרוש. איינער וואס איז א פרוש, ווערט אנגערופן א קדוש. און אז די תורה זאגט קדושים תהיו, וועט מען דאך מיינען, אז די תורה זאגט, מיר זאלן זיין פרושים. יעדער זאל זיך וואוינען אין זיינע ד' אמות, און פליען אין הימל. זאגט די תורה, ניין, קדושים חסר וא"ו, לאז נאך אביסל פון דיין פרישות. פרשה זו בהקהל נאמרה, זיי צוזאמען מיט אנדערע, וואס דו קענסט משפיע זיין אויף א צווייטען, דארפסטו משפיע זיין. און וואס דו קענסט מקבל זיין א השפעה פון א אנדערן, זאלסטו מקבל זיין. דער 'בהקהל נאמרה' איז א חלק פון דעם 'קדושים תהיו', אז מען וויל זיך פירן בקדושה, דארף מען וויסען די געוואלדיגע חשיבות פון זיין צוזאמען.

**און** זיין צוזאמען מיינט נישט, אז מען קומט אין בית המדרש שמועסן צוזאמען, עס מיינט אז מען קומט אין בית המדרש דאווענען צוזאמען. די צייט וואס מען דאווענט, דארף זיין מוקדש פארן דאווענען. מיר דאווענען נישט אזוי סאך, און אפילו ווען מען דאווענט מיט כוונה, איז אויך גאר שוואך אונזערע כוונות, אבער עכ"פ די ביסל כוונה, און די ביסל וואס מען דאווענט יא, דארף דער בית המדרש זיין א פלאץ וואס איז מיוחד נאר צו דאווענען. אז מען שמועסט נאכן דאווענען וכדומה, איז א געבענטשטע זאך, חברותות דארפן זיך אנהאלטן, און מען דארף ארויסהעלפן איינעם דעם אנדערן, אבער בשעת עס איז דער זמן פון תפלה, פון אדון עולם ביז אדון עולם, דארף יעדער זיך טרעפן זיין פלאץ, און א גוטע שכן נעבן אים, כדי מען זאל קענען דאווענען.

**איך** האב אמאל געזען אין א אמעריקאנער שול, אז עס איז געשטאנען א צעטל, '**אויב דו קומסט אין בית המדרש שמועסן, וואו וועסטו גיין דאווענען**'. אויב דאס איז דיין פלאץ וואו דו שמועסט, נו וואו וועסטו דאווענען. דאס בית המדרש איז נישט געמאכט צו שמועסן, א בית המדרש איז געמאכט געווארן צו דאווענען.

*

**לימוד** התורה, עס איז דא ביי אנז די חבורה '**ובהם נהגה**', עס הייבט זיך אן יעצט א פרישער זמן, א פרישער זומער, און מען דארף זיך מחזק זיין, צו לערנען די שיעורים. אין דעם אליין איז אויך דא א מזכה את הרבים, ווען ער לערנט, לערנט דער חבר. ער האט מיט וועמען צו שמועסן אין לערנען, ווען ער טרעפט זיך מיט אים, קען ער איבערשמועסן וואס ער האט געלערנט, און עס האט א השפעה איינער אויפן צווייטען, וואס יעדער איינער גיט צו, צו דעם חיזוק דערפון. און ווער עס קען נעמען בחינות, דארף נעמען בחינות [איך מיין אז יעדער קען, מען דארף נאר וועלן, איבער'חזר'ן צען בלאט א חודש איז נישט עק וועלט], אזוי ווייסט ער אז בשעת ער לערנט, דארף ער עס גוט אפלערנען. און ער קען נישט פארפאסן א שיעור, ווייל ווען ער פארפאסט איין שיעור, וועט ער נישט קענען נאכדעם ווייטער מיטהאלטן. און אז ער לערנט, און ער ווייסט אז ער דארף עס קענען, איז בשעת ער לערנט, ליגט ער אינעם לערנען, ווייל ער מוז עס איינ'חזר'ן. און בשעת ער גייט ארויס פון בית המדרש, חזר'ט ער איבער ווייטער דעם עמוד וואס ער האט געלערנט. ר' שמואל בנימין [פאללאק] טוט אסאך אין דעם ענין, און ער דארף האבן חיזוק אויך, און מען זאל אים צוהעלפען דערצו, אז עס זאל זיין להגדיל תורה ולהאדירה.

*

**איך** האב געזאגט דעם שבת ביי פרק, אז די גמרא (ע"ז יט:) זאגט, כל העוסק בתורה נכסיו מצליחין,

ווען איינער לערנט תורה, האט ער הצלחה אין די ביזנעס. און ער מיינט אמאל, אז ווען ער וועט מער לערנען, און ער וועט זיך ווייניגער אפגעבן מיט די געשעפטן, וועט זיין די הצלחה ווייניגער אין די געשעפטן. עס איז נישט אזוי. כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ (אבות ג-ה), ווען דו געבסט אוועק צייט פאר תורה, נעמט מען אוועק פאר דעם, דאס וואס דו דארפסט זיך פלאגן אויף פרנסה. יעדער ווייסט, אז אין פרנסה איז דא אמאל, וואס מען קען מיט איין גוטן דיע"ל מרויח זיין שעות שעות וואס מען דארף אריינלייגען. און ווען עס איז נישט באשערט, גיט ער אוועק שעות און שעות, און עס לאזט זיך אויס מיט גארנישט. און וואו ליגט די הצלחה? ווען איינער איז מקבל אויף זיך עול תורה, ער זיצט און לערנט, ער טוט פאר תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ, נעמט מען פון אים אוועק די עול פון פרנסה.

**מען** זעהט ביי א קרבן עולה, זאגט די תורה הק' (ויקרא ו-ב), צו את אהרן ואת בניו לאמור, זאת תורת העולה. און רש"י זאגט, 'אין צו אלא לשון זירוז', 'צו' איז טייטש, זיי זיי מזרז, 'מיד', תיכף, 'ולדורות', און אויף שפעטער. 'ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרון כיס', די תורה דארף מער מזרז זיין, ווען עס איז דא א חסרון כיס. און דא ביי די פרשה פון עולה איז דא א חסרון כיס.

**די** מפרשים טייטשן וואס איז די חסרון כיס ביי די פרשה. ווייל יעדער כהן וואס האט געטון א עבודה אין בית המקדש, איז ארויסגעגאנגען מיט ריוח ווען ער האט געשחט'ן א קרבן פאר יענעם. איז עס געווען קדשי קדשים, האט ער באקומען די גאנצע פלייש פון די בהמה. האט ער געשחט'ן קדשים קלים, האט ער באקומען חזה ושוק, א חלק פון די בהמה. האט ער געשחטן א קרבן עולה, וואס איז כולו כליל, אלעס גייט אויפן מזבח, האט ער באקומען נאר די עור, די פעל, פון די בהמה. קומט אויס, אז ביי א קרבן עולה, האט א כהן פארדינט דאס ווייניגסטע. יעדע קרבן וואס ער האט געשחטן, האט ער געהאט מער דערפון. קדשי קדשים אסאך מער, קדשים קלים אביסל ווייניגער, און ביי א עולה האט ער געהאט די ווייניגסטע.

'ביותר צריך הכתוב לזרז', דארף דער פסוק מער מזרז זיין, 'במקום שיש חסרון כיס', ביי א קרבן עולה וואס ער האט פארדינט דאס ווייניגסטע, און ער וועט זיך מתרשל זיין, און נישט וועלן מקריב זיין א עולה, דארף ער האבן א זירוז.

**ביי** א קרבן עולה האט ער אויך געהאט דאס מערסטע ארבעט. ער האט געדארפט נעמען די בהמה, און צושניידען די גאנצע בהמה אויף שטיקער, ונתח אותה לנתחיה (ויקרא א-ו). און ער האט עס געדארפט אפשווענקען, און נאכדעם אויסזאלצן, און נאכדעם ארויפטראגען יעדע שטיקל אויפן מזבח, און עס לאזן אויפן מזבח, און קוקען אז עס זאל ווערן גוט פארברענט. און ער האט געדארפט איבערדרייען די פלייש אפאר מאל, ביז עס איז געווארן אדורכגעברענט דער פלייש אויפן מזבח. דאס שווערסטע ארבעט האט ער געטון אויפן עולה, און ער איז ארויסגעגאנגען מיט די ווייניגסטע ריוח, דארף ער האבן זירוז.

**אבער** דער אמת איז נישט אזוי. עס קוקט אויס אז ער האט פארלוירן, אבער ביי א עולה האט ער פארדינט דאס מערסטע פון אלע קרבנות. פארוואס? ווייל עס שטייט אין די גמרא (יומא כו.), אז יעדן טאג איז געווען גורלות אויף די עבודה אין בית המקדש, און ווען עס איז געקומען צו קטורת, האט מען אלץ גענומען א נייעם כהן. חדשים לקטורת בואו והפיסו, נייע כהנים זאלן קומען צו דעם גורל פון קטורת. פארוואס, זאגט די גמרא, ווייל קטורת איז מעשרת, קטורת ברענגט עשירות, און מען האט געוואלט אז יעדער איינער זאל זוכה זיין צו עשירות. פרעגט אויף דעם די גמרא, פארוואס איז קטורת מעשרת. זאגט די גמרא, ווייל עס שטייט אין פסוק (דברים לג-י), ישימו קטורה באפיך וגו' ברך ה' חילו, אז די וואס לייגען די קטורת, וועט דער אייבערשטער בענטשען זיין פארמעגן.

**פרעגט** די גמרא, אינעם זעלבן פסוק שטייט אויך עולה, ישימו קטורה באפך, 'וכליל על מזבחך'. כליל דאס איז א עולה, וואס מען לייגט ארויף אינגאנצן אויפן מזבח, און דער פסוק זאגט נאכדעם ברוך ה' חילו, איז דאך אויף הקרבת העולה אויך דא

עשירות. פארוואס האט מען נישט געזאגט, חדשים לעולה, אז עס זאלן קומען נייע כהנים מקריב צו זיין די עולה. ענטפערט די גמרא, הא שכיחא הא לא שכיחא, עולה איז שכיח, און קטורת איז נישט שכיח. עס איז א מחלוקת רש"י מיטן תוספות ישנים, וואס דער פשט אין די גמרא איז. רש"י לערנט, אז דער פשט איז, אז א עולה, אזוי ווי עס שכיח, קומט אויס אז יעדער וועט ווערן א עושר, קען נישט זיין אז די תורה האט געגעבן אזא ברכה, אז אויב דו וועסט מקריב זיין א עולה, וועסטו ווערן א עושר, ווייל אלע וועלן דאך זיין עשירים. יעדער וואס קומט און ברענגט א עולה, וועט ווערן א עושר. איז מסתבר, אז די ברכה פון ברך ה' חילו גייט ארויף נאר אויף די קטורת, און נישט אויף עולה.

**דער** תוספות ישנים זאגט נישט אזוי. ער זאגט, אזביידע איז מעשרת. קטורת איז מעשרת, און א עולה איז מעשרת, ווייל אין פסוק שטייט ביידע, און אויף ביידע שטייט ברך ה' חילו. די קשיא איז נאר געווען, פארוואס ווען מען האט געווארפן גורלות, ווער עס זאל מקריב זיין די עולה, האט מען נישט געזאגט אז מען זאל נעמען א נייעם כהן. זאגט די גמרא, הא שכיחא, פארוואס דארף מען ווארפן דערויף א גורל, און אויסקלויבן ווער עס זאל זיין, ווער לאזט דיך נישט ברענגען א קרבן עולה, יעדער קען דאך צוקומען דערצו, ווען ער וויל זאל ער ברענגען א קרבן עולה. אבער קטורת איז לא שכחא, קטורת האט מען נאר מקריב געווען פונעם ציבור, ער האט נישט געקענט אליין ברענגען קטורת, האבן מיר געמוזט צוטיילן די סגולה פאר עשירות, און מען האט געמוזט יעדע מאל נעמען א נייעם כהן. אבער א עולה קען מען ברענגען בנדבה, האט מען נישט געדארפט האבן נייע כהנים צום גורל.

**קומט** דאך אויס, אז קטורת ברענגט עשירות, און א עולה ברענגט אויך עשירות. ישימו קטורה באפך וכליל על מזבחך ברך ה' חילו. דער כהן וואס האט מקריב געווען דעם עולה האט געמיינט, אז ער גייט ארויס מיט א שאדן. איך האב מיך געפלאגט, איך האב מקריב געווען א קרבן עולה, און וואס באקום איך דערפאר, אביסל עור פון די בהמה, מער באקום איך נישט. אבער באמת איז ער ארויסגעגאנגען מיט מער ריוח, פון דעם וואס האט מקריב געווען א אשם אדער א שלמים אדער א תודה. יענער איז טאקע ארויסגעגאנגען מיט אסאך פלייש, נו, האט ער נאך א פעקל פלייש אינדערהיים, אבער ער גייט ארויס מיט עשירות. ווייל נישט ווי אזוי דער בליק פון א מענטש איז, דאס איז די ריכטיגע עשירות. די בליק פון א מענטש איז, אז ווען ער ברענגט קרבנות פון קדשי קדשים און קדשים קלים, גייט ער ארויס מיט ריוח, ער גייט אהיים מיט א פעקל פלייש. און דער וואס ברענגט א עולה, דער איז ארויסגעגאנגען נאר מיט א ביסל עור. אבער עס איז פונקט פארקערט, דער וואס האט געברענגט א עולה דער איז ארויסגעגאנגען מיט א עשירות, ער האט א ברכה פון ברך ה' חילו, און דער וואס האט נישט געברענגט א עולה, דער האט נאר געהאט דעם שטיקל פלייש.

**קומט** אויס, אז אמאל גיט א מענטש אוועק א גרויסע עשירות, פאר א שטיקל פלייש. דאס זעלבע איז תורה, כל העוסק בתורה נכסיו מצליחין, ווען מען לערנט תורה איז מען מצליח. און ער גיט אוועק די שעה פון תורה, און ער גייט ארבעטן, וואס וועט ער האבן ווען ער וועט ארבעטן נאך א שעה? נאך א פאר דאלער. און ווען דו וואלסט געלערנט תורה, וואלסטו געקענט האבן עשירות, און ער גיט אוועק זיין עשירות פאר קליין געלט. ווען עס איז געקומען צו די פרשה פון עולה האט די תורה געזאגט, דו וועסט מיינען אז ביי א עולה דערלייגט מען, 'ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרון כיס', דא וועט ער האבן א חסרון כיס, זאגט ער 'צו', אין צו אלא לשון זירוז מיד ולדורות. די ברכה וואס ליגט דא, איז נישט אייביג אז דו האסט די געלט אויפן פלאץ, אבער לדורות ליגט דארט עשירות, ווייל ברך ה' חילו.

**אזוי** דארף א מענטש קוקן. נישט קוקן יעדע זאך ווי אזוי עס איז יעצט אויף די מינוט. אויפן מינוט קען זיין אמאל, אז מען איז מרויח פון א עבירה, און אמאל דערלייגט מען אויף א מצוה, אבער דער אמת איז נישט אזוי, הוי מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה, ושכר עבירה כנגד הפסדה (אבות

ב-א), יעדע עבירה וואס מען פארדינט, האסטו יעצט פארדינט א קלייניגקייט, אבער דו האסט דערלייגט מיט דעם אסאך מער. און טאמער דו פירסט זיך ערליך, מען זיצט און מען לערנט און מען דאווענט, אפילו מען דערלייגט אמאל עפעס, דערלייגט מען נאר אויף די מאמענט, אבער דער סוף איז, אז דער אייבערשטער באצאלט עס.

**דאס איז די חיזוק וואס מען דארף נעמען מיט זיך, דאס דאווענען דארף זיין ווי א יוד דארף צו דאווענען, מכוון זיין די תפלות פון אדון עולם ביז אדון עולם. ווען מען קומט אין בית המדרש דארף עס זיין א בית מדרש וואו מען זאל אהיימגיין מיט עפעס. נישט אז ער איז געקומען אפדאווענען און ער האט יוצא געווען זיין חיוב, נאר ער זאל קענען עפעס אהיימנעמען. ב"ה מען קען מקבל זיין פונעם דיין זאל זיין געזונט, סיי אין תורה און סיי אין עבודה, און אין די חברותא איז דא פון וועם מקבל צו זיין. מען דארף מקדיש זיין די שעה פון תורה, אויב מען קען, זאל מען קומען לערנען דא אין בית המדרש. און מען זאל זיך פארהערן וואס מען לערנט. מען זאל עס פראבירן איין חודש, וועט ער זעהן ווי שיין עס איז. ער וועט אזא הנאה האבן, אז ער האט איין חודש געלערנט, און ער האט איבערגעחזרט וואס ער האט געלערנט. מען רעדט דאך פון בני תורה, עטץ האטס אלע געלערנט אין ישיבה, מען רעדט נישט פון על מנת שתעלה לרקיע, עס איז א זאך וואס יעדער איינער קען קענען, מען דארף נאר האבן אביסל רצון דערצו, קען מען אנקומען דערצו.**

**זאל** דער אייבערשטער העלפן, אז מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, עס קומט א נייער חודש, חודש אייר, וואס איז די ראשי תיבות א'ני ה' ר'ופאיך (שמות טו-כו). זאל דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן האבן א פרייליכען לוסטיגן חודש, און א פרייליך יאר. מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>יום שלישי פרשת קדושים</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לבקר אצל **כ"ק גאב"ד קארלסבורג שליט"א.**

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**רבינו:** ברוך השם, מען זיצט שוין ביי די גמרא און מען לערנט.

**גאב"ד קארלסבורג:** ברוך השם, מען האט געקענט עסן די כזית מצה, און די ד' כוסות.

**רבינו:** די מצות האט מען געדארפט צו צוברעקלען, אדער מען האט געקענט עסן געהעריג?

**א' מהנוכחים:** מען האט געהעריג געגעסן די מצה ומרור, אויך די חריין...

**רבינו:** מצה איז דאך א מיכלא דאסוותא (זוה"ק ח"ב קפג:).

**גאב"ד קארלסבורג:** מיכלא דאסוותא, מיכלא דמהימנותא.

**רבינו:** אז מען האט אמונה האט מען א רפואה אויך, עס איז פארבינדען איינס מיט די אנדערע. דער רב האט נאך יסורים?

**גאב"ד קארלסבורג:** ניין, נאר איך בין שוואך.

**רבינו:** אויף דעם זאגט מען יעדן טאג א ברכה הנותן ליעף כח.

**גאב"ד קארלסבורג:** יא, הנותן ליעף כח. אין בעלזא שבועות ביים טיש, איך בין געווען דארט ביים טיש ביים **בעלזער רב זי"ע**, ווען מען האט געזינגען דעם ניגון ובאו כולם בברית יחד, האט מען גע'ענדיגט (בקטע אחד) ברוך הנותן ליעף כח, ער האט מכבד געווען יעדן איינעם צו זינגען.

נו, עס האט זיך יעצט אנגעפאנגען דער זמן פון זומער, מען איז דאך מרביץ תורה לעדרים, עדרי צאן קדשים וואס לערנען תורה.

**רבינו:** דער רב גייט ערגעץ זיך אפרוען?

**א' מהנוכחים:** מען גייט זיך אפרוען ל"ג בעומר אין מירון...

**רבינו:** דאס איז עבדות אני נותן לכם, אפשר דארף מען זיך פארדעם אפרוען אביסל.

**גאב"ד קארלסבורג:** דער אייבערשטער זאל העלפען, ער זאל אונז אלע געבן כח, דער וויענער רב זאל זיין געזונט און שטארק, מען זאל האבן הצלחה וברכה מיט אייערע תלמידים, חשובע תלמידים, בעלי דרך ארץ, איר זאלט האבן פון זיי נחת.

עס פארן דאך יעצט קיין מירון טויזענטער יודען, עס איז געווארן א גרויס געפארעכטץ, פון דא אין חוץ לארץ אויך. עס איז גרינגער געווארן היינט דאס פארן אהין, אמאל איז עס געווען זייער שווער, אין אנפאנג ווען איך בין געווען דארט, מיט יארן צוריק, איז געווען דארט פול מיט דאלע סארט מענטשען, אבער דער היימישער עולם איז נישט געווען אזויפיל.

**רבינו:** דער עולם פלעגט צו גיין בייניאכט שפעטער.

**גאב"ד קארלסבורג:** יא, פארנאכטס. היינט ב"ה קומט א גרויסער עולם צו פארן, עס איז דא דארט עקסטער פאר מענער און פאר פרויען, מען האט שוין געמאכט אזוי אויך אין אנדערע פלעצער, ביי רבי יונתן בן עוזיאל, ביי רבי מאיר בעל הנס.

**רבינו:** די כהנים וואס פלעגן אריינצוגיין אין די מערה, וואס איז געווען דער היתר, אלס קברי צדיקים [שאין מטמאין], אדער ווייל עס איז געווען געבויעט [מיט א פותח טפח][ב]?

**גאב"ד קארלסבורג:** איך וועל אייך זאגן, איך בין אמאל געפארן מיט אייער טאטן זצ"ל צוזאמען וועגן עפעס אן ענין, האט ער מיר געזאגט, אז ער איז געווען אמאל מיטן **שאמלויער רב זצ"ל** אין ארץ ישראל [בשנת תרצ"ה], און ער איז אריין צו די בית הלל, און ער האט אים גארנישט געזאגט, ער האט אים נישט געשטערט[ג].

---

[ב] ראה **בשבחי האריז"ל** ומובא דבריו בספר **נשמת חיים** (להג"מ מנשה ב"ר ישראל, מאמר ג' פ"ז), **שהאריז"ל** צוה לתלמידי **מהרר"י כהן** לילך לציון של רבי יהודה ב"ר אלעאי, וכך עשה והלך ונשתטח על הציון וכו' יעו"ש (מובא גם בספר **יסוד יוסף** בסוף פ"ב). **ובפני דוד להחיד"א ז"ל** (ר"פ בשלח) האריך בענין זה, וכותב בתוך דבריו, דמנהג ישראל שהכהנים הולכין להשתטח על קברות הצדיקים תורה היא ע"כ. **ובאגרא דכלה** (פ' בהעלותך) כתב 'וכן נוהגין בארעא קדישא עד היום שהכהנים הולכים על קברי הקדושים עכל"ק.

ובדבר הליכת כהנים על ציון הרשב"י במירון, ידוע דעת **הגר"ש העליר זצ"ל** אב"ד צפת להתיר בזה [אף לאלו הנזהרים בשאר קברי צדיקים], וכן נהגו בהרבה מקומות שהכהנים נכנסים לציון הרשב"י, וכן נוהג **רבינו שליט"א.** והרבה טעמים ונימוקים נאמרו בזה להקל אצל ציון הרשב"י. ראה בהערה הבאה.

[ג] שמענו **מרבינו שליט"א, שאביו זצ"ל, וזקינו הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל** נכנסו לקברי התנאים הקדושים – ובתוכם לציון התנא האלקי רבי שמעון בן יוחאי, ציון התנא רבי מאיר בעל הנס ותלמידיו, ציון בית הלל במירון, קבר רחל אמנו, ועוד – על פי הוראתו המפורשת של **הגה"ק משאמלויא זצ"ל**, וכן נהג אביו תמיד כשהיה בארה"ק שהיה נכנס למקומות הללו שהתיר לו זקינו זצ"ל.

ולהשלמת הדברים נעתיק תשובת **הרה"ג רבי מרדכי שפיעלמאן זצ"ל** בעמח"ס **ציון לנפש צבי** (הובא **בקובץ אורייתא** – קובץ י"ט עמוד שכ"ג) וזה לשונו: בשנת תש"נ לפ"ק זכיתי להתפלל ביום הכיפורים במירון בבנין הבנוי על קברי התנאים הקדושים רבי שמעון בן יוחאי ורבי אלעזר בנו, וראיתי שהכהנים עולים לדוכן ואין פוצה פה ומצפצף למחות על זה, ואומרים שכן נוהגים שם מקדם עדות האשכנזים והספרדים ומנהג אבותיהם בידיהם. ואני שאלתי להכהן שקנה העליה לעלות לתורה, האם הוא הולך גם כן במערות שאר קברי צדיקים תנאים ואמוראים, והשיב לי שאינו הולך לשום מקום, ואפילו לקברי האבות הקדושים בחברון במערת המכפלה, או בבנין שעל גבי קבר רחל אמנו, חוץ ממירון על קבר רבי שמעון בן יוחאי ורבי אלעזר בנו. ושאלתיו מה נשתנה מקום הקדוש הזה, משאר מקומות הקדושים. והשיב לי, שאומרים שמשונה מקום הקדוש הזה משאר מקומות הקדושים, ופה מותר לכהן ליכנס לכל הדיעות. ושוב שאלתיו מי הוא האומר כן, ואם יודע טעמו של ההיתר הזה, והאם כבר נדפס באיזה ספר או קונטרס נימוקים ומקורות וטעמים להיתר הזה, ולא ידע להשיב לי על זה.

ובמעמד הזה אמר לי אברך תלמיד חכם אחד, שפה במקום הזה היה הגאון הגדול הצדיק המפורסם **מוה"ר שלמה זלמן עהרענרייך זצ"ל הי"ד** משאמלויא, והיה עמו נכדו בן בתו הרב הגאון **מוה"ר יהושע כ"ץ זצ"ל** אב"ד סאמבאטהעלי, ואמר לו זקינו **הגאון משאמלויא** שיכנס לקודש פנימה ונכנס. וכן אמר לי בחור אחד שהגה"צ **מוה"ר נחמן כהנא זצ"ל** האדמו"ר מספינקא בני ברק אמר, שפה מותר לכהנים ליכנס לכל הדיעות, מחמת שהבנין בנוי באופן שהטומאה אינה בוקעת לתוך הבנינים שעל גבי הקברים, והוא עצמו שהיה כהן מיוחס מנכדי **הגאון בעל קונטרס הספיקות זצ"ל** נכנס פנימה על סמך היתר זה.

וכשחזרתי הביתה לארה"ב צלצלתי לבן **הרב הגאון מסאמבאטהעלי זצ"ל** ה"ה הרה"ג חו"ב טובא **מוה"ר חיים יהודה כ"ץ שליט"א** אב"ד סערדאהעלי, ואמר לי ששמע כמה פעמים מאביו, שזקינו **הגאון משאמלויא זצ"ל** אמר לאביו שיכנס לפנים הבנין של קברי רבי שמעון בן יוחאי ורבי אלעזר בנו, וגם אמר לו כן אצל קבר רחל, ואצל קבר יוסף הצדיק, ואולי אצל עוד קבר צדיק אחד שאינו זוכר כעת מי היה. ואביו היה תמה תמיד, מדוע לא אמר לו כן אצל שאר קברי

וואס קענען מיר וויסען, עס איז אוודאי נישט מטמא, איך זאג נישט אז איך בין מתיר פאר כהנים, אבער איך האב היינט געקלערט צו זאגן אביסל מער היתר וואס קען זיין היינט. עס איז אזוי, דער אהל דארט איז געווען אמאל א רשות היחיד, היינט איז עס געווארן א רשות הרבים, מען קען טרעפן דארט מענטשען אפילו שפעט ביינאכט, שטענדיג זענען דא מענטשען דארט, מען גייט ארויף און אראפ, עס איז א עכטע רשות הרבים. ספק טומאה ברשות הרבים איז טהור (ע"ז לז:), נו, עס איז דאך א ספק וואו ער ליגט פונקטליך, אויף זיכער ווייסט מען דאך נישט, איז דאך עס א ספק, און ביי ספק טומאה ברשות הרבים מעג א כהן אריינגיין.

**רבינו:** עס זענען דא וואס האלטן אז לגבי כהונה נוצט נישט דער ספק טומאה ברשות הרבים, נאר לגבי טומאה וטהרה (עיין **בחידושי הצל"ח** ברכות יט. ד"ה ורוב ארונות, **מנחת חינוך** סוף מצוה שס"ג, **שו"ת אחיעזר** ח"ג סימן ס"ה סק"ו, **שו"ת דובב מישרים** ח"ב בסופו, **שו"ת מנחת יצחק** ח"א סימן ל').

**גאב"ד קארלסבורג:** איך בין נישט מתיר נאר וועגן דעם, נאר אזוי ווי מען ווייסט נישט, דער זאגט אז עס איז דא, און דער זאגט אז עס איז דארטן, איז עס א שטיקל ספק (ועיין עוד בזה בספרו **שו"ת עמק התשובה** ח"ח סימן פ"ו, לענין טומאת כהנים באוירון שיש בהם ארונות של מתים).

**הגאב"ד ביקש להגיש כיבוד, ונענה רבינו:** דער רב האט מיך מכבד געווען, אז מען האט מיך אויפגענומען.

**רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפן אי"ה ווייטער אויך מען זאל זיין געזונט און שטארק, לאנגע געזונטע יארן, און קענען מרחיב זיין גבולי הקדושה מיט הרחבת הדעת.

**גאב"ד קארלסבורג:** אמן. דער אייבערשטער זאל העלפן מיט הרחבת הדעת און סייעתא דשמיא, מרבה זיין גבולו תלמידים, מתוך נחת און אריכות ימים ושנים. [בסיום הברכה נשק **רבינו שליט"א** את ידיו].

**ונפרדו לשלום**

*

אחר כך ביקר **רבינו שליט"א** אצל הר"ר **דוד ליבערמאן** הי"ו.

אחר כך שימש **רבינו שליט"א** ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **שלמה ברוך סאלאמאן** הי"ו, שהתקיים באולם קהל חסידים.

*

***יום רביעי פרשת קדושים***

אחר תפלת שחרית בישיבה גדולה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל היארצייט של **הרה"ק רבי ישעי' מקערעסטיר זי"ע**, וסיפר כמה סיפורים.

***וזה תוכן הסיפורים:***

**עס** איז דא א ספר **שאול בחיר ה'**, תולדות פון **רבי שאול בראך זצ"ל**, דער **קאשוי'ער רב**, שטייט דארט (עמוד נ') אז ער האט אמאל גערעדט פון **רבי ישעי'לע קערעסטירער**, האט ער געזאגט, אז עס שטייט פונעם **חתם סופר** (מובא **בשבט מיהודא** פ' ויקהל), אז

---

הצדיקים. וגם אמר לי הרה"ג הנ"ל שליט"א, שאביו אמר לו שהוא נכנס לקברי צדיקים אלו מפני שזקינו הגאון הצדיק אמר לו שיעשה כן, אבל לך מוטב שלא תכנס, ולא תכניס עצמך בענין זה החמור של טומאת כהנים לצדיקים, שרבים צווחו ככרוכיא על זה. מזה אנו רואים **שהגאון משאמלויא זצ"ל** לא התיר דוקא ביחוד במירון בקברי רשב"י ור"א בנו, אלא גם בקבר רחל וקבר יוסף הצדיק. – כן השגתי גליון חדו"ת מקרובו של **האדמו"ר מספינקא בני ברק זצ"ל**, ה"ה בן אחיו **הגה"צ מספינקא בירושלים** בענין כניסת כהנים לציון הרשב"י זי"ע במירון, ואחר שהאריך כתב, ולכן גם קברי צדיקים מטמאים, ולפי זה גם כאן במירון קברי של רשב"י ובנו ועוד תנאים, גם כן היה אסור לכהנים ליכנס, אלא שמקובל אצלנו מדודינו **הרה"ק רבי נחמן אדמו"ר מספינקא בני ברק**, ששמע מזקינו **הרה"ק הרבי רבי ברוך רובין** אב"ד בריזדאויץ, שהיה חתן **הרה"ק רבי מנחם מענדל מזידיטשוב**, שאמרו לו זקנים מצפת, שמקובל דכשבנו את הבנין על ציונו של הרשב"י עשו פותח טפח בקבר, כדי שהטומאה תצא מן הצד. וכן שמענו מהרה"ח רבי יצחק אייזיק אייזן, שהיה יליד זידיטשוב, ונקרא על שמו של זקינינו **מהרי"א מזידיטשוב**, שבהיותו ילד הגיע לצפת וגדל שם, ואמר שלמטה תחת שני החלונות שבאהל רשב"י היה פותח טפח לקברו של הרשב"י, ובאופן כזה מותר גם לכהנים ליכנס לתוך הבנין שעל הציון ואין בו טומאה עכ"ל. וקרוב אחר והוא בעל נכדתו של האדמו"ר מספינקא בני ברק אמר לי, שזקינו האדמו"ר אמר לו שהקבלה הוא שנבנה הבנין על גבי כיפין. ויוצא מזה שיש ב' נוסחאות בקבלה זו, וזהו הטעם של ההיתר [ע"ש מה שכתב לדון בזה בארוכה].

מען קען נישט זוכה זיין צו מדריגות פון רוח הקודש, און תורה. נאר ווען מען איז גרויס אין תורה, קען מען זוכה זיין צו די מדריגה פון רוח הקודש. האט **רבי שאול בראן** געזאגט, אז ווען דער **חתם סופר** וואלט געקענט **רבי ישעי'לע קערעסטירער**, וואלט ער געזען, אז מיט צדקה קען מען אויך זוכה זיין צו רוח הקודש. - ער איז געווען זייער גרויס אין צדקה. עס האבן אלץ געגעסן ביי אים ארימע יודען, האט ער זוכה געווען צו די מדריגה.

*

**אלץ** בחור איז **רבי ישעי'לע** געווען א הויז בחור ביי **רבי הערשעלע ליסקער**, און שפעטער איז ער געווארן א רבי. און זיין רבי, **רבי הערש'לע ליסקער** איז געווען א הויז בחור ביים **ישמח משה**. מען זעהט דעם גדולה שימושה של תורה יותר מלימודה (ברכות ז:), **רבי הערשלע ליסקער** האט באדינט דעם **ישמח משה** איז ער געווארן א רבי, און **רבי ישעי'לע** האט באדינט **רבי הערשלע ליסקער**, און ער איז געווארן א רבי.

**רבי הערשלע ליסקער** האט נישט איבערגעלאזט א זון, נאר אן איידעם (**הגה"צ רבי חיים פריעדלאנדער זצ"ל בעל טל חיים**), און זיין איידעם האט איבערגענומען די ליסקער חסידים. און **רבי ישעי'לע** האט געוואוינט אין ליסקא, און א טייל חסידים האבן זיך צוגעקלעבט צו **רבי ישעי'לע**, און עס איז געווארן א פירוד. ליסקא איז א קליין שטעטל, און עס איז געווען דארט צוויי רבי'ס, איז געווארן א מחלוקת. איז **רבי ישעי'לע** געפארן צום **צאנזער רב**, און ער האט געזאגט פארן **צאנזער רב** אז ער וויל אוועקגיין פון ליסקא, ער דארף נישט די מחלוקת. און דער **צאנזער רב** האט אים געזאגט, ניין, וועם די חסידים ווילן, דער איז רבי. ער זאל בלייבן דארט, און ווער עס וויל קומען צו אים זאל קומען, און ווער עס וויל נישט, זאל נישט קומען.

**די** רדיפות האבן זיך אבער נישט אויפגעהערט, און ער האט זיך נאכדעם געטראפן מיטן **ייטב לב**, האט אים דער **ייטב לב** געזאגט, עס פעלט שטעטלעך אין אונגארן, הייבט אייך אויף פון ליסקא, און גייטס ערגעץ אנדערש. האט **רבי ישעי'לע** געזאגט, איך וואלט שוין אוועקגעגאנגען, אבער דער **צאנזער רב** האט געזאגט אז איך זאל נישט אוועקגיין, טרוי איך זיך נישט אוועקצוגיין. האט אים דער **ייטב לב** געזאגט, יעדער צדיק גיט א עצה לויט זיין מהות. דער **צאנזער רב** איז א איש מלחמה, ממילא מיינט ער אז יעדער קען פירן מלחמות, גיט ער א עצה אז אויב עס איז אויסגעהאלטן דארף מען ארויסגיין אין א מלחמה. אבער איך קען אייך, אז איר וועט עס נישט קענען אדורכטראגען, און איך בין אייך מייעץ אז איר זאלט אוועקגיין אין א צווייטע שטעטל. - און ער איז אריבער קיין קערעסטיר. עס איז נישט אזוי ווייט, עס נעמט צו פארן מיט א קאר אפאר מינוט.

*

**עס** איז שטענדיג געווען צוגעגרייט צו עסן פאר מענטשען. די היינטיגע בחורים ווייסען נישט וואס דאס מיינט. אמאל האט מען פשוט נישט געהאט א שטיקל ברויט צו עסן. עס איז נישט געווען א פלאץ ווי מען האט שטענדיג געקענט אריינקומען און טרעפן א שטיקל ברויט צו עסן. אבער ביי **רבי ישעי'לע** האט מען א גאנצן טאג געקאכט און צוגעגרייט צו עסן.

**ער** האט געהאט ביי זיך אלע סארט יודען. ער האט געהאט געסט וואס זענען אדורכגעפארן פון איין פלאץ צום צווייטן. מען האט געוואוסט, אז אין קערעסטיר קען מען זיך אפשטעלן און עסן. און ער האט געהאט אזעלכע וואס זענען אוועק פון מיליטער, און זיי האבן זיך באהאלטן, און זיי האבן געזוכט א פלאץ ווי זיי קענען עסן, און **רבי ישעי'לע** האט זיי אריינגענומען. און אין יענע געגענט האט מען געמאכט טאקאי וויין, די גאנצע געגענט איז פול מיט וויינגערטנער, און עס איז געווען א פרנסה. מענטשען האבן איבערגעלאזט אויף זומער די שטאט ווי מען האט געוואוינט, און מען איז געקומען אויף יענע געגנט, צו האבן פרנסה. מען האט געארבעט צו קוועטשען טרויבן, און מאכן דערפון וויין. און נאכן סעזאן איז מען צוריק אהיימגעפארן. **רבי ישעי'לע** האט געזאגט, ביי מיר עסן דריי ערליי סארט יודען, די 'אורחים' [די געסט], די 'בורחים' [די וואס זענען אנטלאפן פון מיליטער], און די 'דורכים' [די וואס קוועטשען די טרויבן].

**זכותו יגן עלינו**

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת פאפלאנאש ע"ה (אלמנת הר"ר **יקותיאל שמואל פאפלאנאש** ע"ה).

*

***יום חמישי פרשת קדושים***

בשעות הצהרים הגיע **כ"ק האדמו"ר מסטראפקוב שליט"א** לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**האדמו"ר מסטראפקוב:** עס איז דעם שבת דער יארצייט פונעם **סטראפקובער רב**, ווען עס קומט אויס אין שבת בין איך דאהי אויף שבת, אויף דעם מקום וואו ער האט מתפלל געווען.

**רבינו:** דאס יאר געפאלט אויס די יארצייט אזוי ווי פאראיאר.

**האדמו"ר מסטראפקוב:** די פרשיות זענען אויך נישט די זעלבע אין חוץ לארץ ווי אין ארץ ישראל. ווען גלייכט זיך אויס די פרשיות דאס יאר?

**רבינו:** פרשת מסעי. אין חוץ לארץ וועט זיין פרשת מטות און מסעי צוזאמען.

**האדמו"ר מסטראפקוב:** עס איז דא פארשידענע חשבונות פארוואס עס קומט אזוי אויס.

**רבינו:** פרשת בחוקותי לייגט מען פאר שבועות, אלץ תכלה שנה וקללותיה, אזוי ווי מען לייגט פרשת כי תבא פאר ראש השנה, און שבועות איז אויך ראש השנה לפירות האילן (עיין מגילה לא:), און נאכדעם לייגט מען פרשת במדבר, אזוי ווי דער **טור** (או"ח סימן תכ"ח) ברענגט די סימן 'מנו ועצרו' (פרשת במדבר שהוא מנין בני ישראל, קודם עצרת).

**האדמו"ר מסטראפקוב:** אין ארץ ישראל לייגט מען שוין די וואך פרשת אמור.

עס איז דא א פליאה אין די הפטורה פון פרשת אמור (יחזקאל מד), אז דער נביא רעכנט נאר אויס די זעקס קרובים, צו וועם א כהן מעג זיך מטמא זיין, לאב, ולאם, ולבן, ולבת, לאח, ולאחות, אבער אז ער מעג זיך מטמא זיין לאשתו, שטייט נישט.

**רבינו:** אינעם פסוק איז עס אויך נאר א דרש, אז 'לשארו' הקרוב אליו, מיינט אשתו (עיין יבמות כב:).

**האדמו"ר מסטראפקוב:** א טייל ווילן זאגן אז דער רמב"ם (הל' אבל ב-ז) זאגט, אז עס איז נאר מדברי סופרים, האט עס דער נביא נישט געברענגט.

**רבינו:** איך האב אמאל געהערט פונעם **קטמונער ז"ל**, פארוואס ווערט דאס ווייב אנגערופן שארו. ווייל ווען א מענטש גייט אוועק פון די וועלט בלייבט פון אים גארנישט, נאר די קינדער. און זי ברענגט די קינדער אויף די וועלט, זי מאכט אז עס זאל בלייבן פון אים א שארית בארץ, וועגן דעם ווערט זי אנגערופן שארו הקרוב אליו.

**האדמו"ר מסטראפקוב:** איך האב היינט אינדערפרי געלערנט **כלי יקר**, עס איז יעצט די יארצייט (ז' אייר), זאגט ער דארט, אז דאס ווייב גרייט אים צו דאס עסן. 'שאר' איז טייטש פרנסה, שאר כסות ועונה (שמות כא-ט).

**רבינו:** די גמרא (ב"מ נט:) זאגט, אז אין הברכה מצויה אלא בשביל אשתו, שנאמר (בראשית יב-טז) ולאברם הטיב בעבורה. קומט אויס אז זי ברענגט זיין פרנסה, איז זי זיין שארו.

*

**האדמו"ר מסטראפקוב:** איך האב געלערנט דאס יאר הלכות פסח אינעם **משנה ברורה שער הציון החדש** (מאת **כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א**). איך האב אפילו צוגעצייכנט אינעם נייעם שער הציון נאר א פאר זאכן. עס איז א אינטערעסאנטע זאך, ביי די הלכות אז מען עסט נישט פאר בדיקת חמץ זאגט דער **משנה ברורה** (סימן תל"ב סק"י) דאס לשון, 'דבדיקת חמץ הוי דאורייתא'. אין די אחרונים זעהט מען נישט דאס לשון, אז עס זאל שטיין ארויסגעשריבן אז בדיקת חמץ איז א דאורייתא. אין **דברי חיים** (ח"א סימן ח'), איז דא א לאנגע תשובה, און ער הייבט אן מיט דעם, אז בדיקת חמץ איז א דאורייתא. אבער וואו איז דער מקור אז בדיקת חמץ איז א דאורייתא?

בפשטות איז דער מקור, אז דער **ר"ן** (ריש מסכת פסחים) ברענגט, אז וויבאלד מען לערנט ארויס חיפוש חיפוש מנרות, און דאס איז פסוקים וואס שטייט אין כתובים, איז א סימן אז עס איז א דאורייתא, און נישט נאר א אסמכתא.

דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איך האב געטראפן אין ירושלמי, דער ערשטער עמוד אין פסחים, ברענגט דער ירושלמי דעם פסוק (שמות יב-יז) ושמרתם את המצות וגו', ושמרתם את היום הזה. פרעגט דער ירושלמי, וואס איז טייטש די פסוק ושמרתם את היום הזה, וועלכע טאג מיינט דער פסוק. זאגט דער ירושלמי, אז עס גייט ארויף אויף יום י"ד, שיהו היום והלילה משומרין, ויתחיל לבער בי"ג, ויהא היום והלילה משומרין. איז דא א פסוק מפורש אין די תורה, ושמרתם את היום הזה, מיינט מען י"ד. און וואס איז די שמירה, ביינאכט בדיקה, און בייטאג ביעור.

**רבינו:** זייער שיין. עס איז נאך שטערקער, ווייל אפילו איך זאג אז פאר מען איז מבטל איז עס א דאורייתא, איז נאר די ביעור א דאורייתא, אבער נישט די בדיקה. ושמרתם איז טייטש, אז דו זאלסט אפהיטען די חמץ, ליגט אין דעם א חיוב אויך אויף די בדיקה.

**וכיבדו רבינו שליט"א לברך על היין**

**האדמו"ר מסטראפקוב:** דער סאמבאטהעלער רב זצ"ל איז געווען מיין אונטערפירער.

**רבינו:** איך בין אויך געווען אויף די חתונה.

**האדמו"ר מסטראפקוב:** איך בין געווען ביי אים אין שפיטאל פאר די פטירה.

**רבינו:** לחיים, בריך מתייך לשלם, אי"ה עס זאל זיין מיט אסאך ברכה און הצלחה, מיט נשיאת חן און אלעס וואס מען דארף האבן.

**ונפרדו לשלום**

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך מסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת מרת קליין ע"ה (אשת הר"ר **ליפא קליין** הי"ו).

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **עקיבא פישער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **דוד אליעזר וויינגארטען** הי"ו, שהתקיים באולם בעלזא. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן ש"ב הרה"ג **שלום דייטש** שליט"א (בני ברק, נכד הגה"צ מקטמון זצ"ל), עב"ג בת הר"ר **יצחק רימפלער** הי"ו, שהתקיים באולם ספינקא (רחוב 18).

*

***<u>שבת קודש פרשת קדושים</u>***

בליל שבת קודש השתתף **רבינו שליט"א** אצל העריכת השלחן של **כ"ק האדמו"ר מסטראפקוב שליט"א**.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הר"ר **אברהם שמחה שימשאוויטש** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

# פרשת אמור ז׳ – י״ג אייר תשע״ו לפ״ק

***יום ראשון פרשת אמור***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט״א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת ביילוש הי״ו (אלמנת הר״ר **ברוך ביילוש** ע״ה).

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת מרת היימפעלד ע״ה (אלמנת הר״ר **מרדכי היימפעלד** ע״ה).

כמו כן הלך **רבינו שליט״א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת קאסטן ע״ה (אשת הר״ר **אברהם משה קאסטן** הי״ו).

אחר כך מסר **רבינו שליט״א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או״ח הל׳ נטילת ידים סימן קנ״ט סעיף י״ז) **בבית מדרשנו**. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט״א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז געשטאנען, קדושים תהיו, כי קדוש אני ה׳ אלקיכם (ויקרא טז-ב). אין מדרש (ויק״ר כד-ט) שטייט, יכול כמוני, איך וואלט געוואלט מיינען אז מען דארף זיין הייליג אזוי ווי דער אייבערשטער, תלמוד לומר כי קדוש אני ה׳, איך דער רבונו של עולם בין הייליג, קדושתי למעלה מקדושתכם, מיין קדושה איז העכער פון ענקער קדושה. איך מיין נישט אז מען זאל זיין הייליג ווי דער אייבערשטער, נאר קדושים איז טייטש פרושים, מען זאל זיך אפשיידען פון די וועלט.

**עס** קען זיין, מען געפונט ווען יודען זענען ארויס פון מצרים, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, וארא אל אברהם ואל יצחק ואל יעקב בא-ל שד-י, ושמי ה׳ לא נודעתי להם (שמות ו-ג). רש״י טייטשט, אז דער אייבערשטער האט גערעדט צו משה רבינו קשות, ווייל משה רבינו האט געזאגט למה הרעותה (שם ה-כב). עס קען זיין אז עס איז דא אין דעם נאך א נקודה וואס דער אייבערשטער האט געוואלט ארויסברענגען.

**מען** זאגט יעדן טאגביים דאווענען די שלש עשרה מדות. די שלש עשרה מדות איז זייער א חשובע תפלה, ווייל עס איז אינו חוזרת ריקם (ר״ה יז:). ווען מען איז מזכיר די שלש עשרה מדות, איז עס מעורר רחמים אויבן אין הימל. פאר מען זאגט די שלש עשרה מדות זאגט מען, תאזין שועתנו ותקשיב מנו מאמר, דער אייבערשטער זאל פארנעמען אונזער געבעהט, ער זאל אננעמען וואס אונז זאג מיר, כיום, אזוי ווי דעם טאג, ויקרא בשם ה׳, וואס דער אייבערשטער האט דעמאלטס גערופן זיין נאמען, ושם נאמר, ויעבור על פניו ויקרא, ה׳ ה׳ א-ל רחום וחנון וכו׳.

**אין** די גמרא (ר״ה שם) שטייט, אז ווען דער אייבערשטער האט געזאגט די שלש עשרה מדות, האט ער זיך מתעטף געווען אין א טלית, און ער האט געזאגט פאר משה רבינו, אז ווען יודען וועלן אזוי נאכטון, יעשו לפני כסדר הזה, וועט דער אייבערשטער זיי מוחל זיין די עונות. און עס איז א מחלוקת אין די ראשונים, וואס איז דער טייטש ׳יעשו׳ לפני כסדר הזה, וואס זאלן זיי טון כסדר הזה. עס איז דא וואס טייטשן, יעשו לפני כסדר הזה, אז זיי זאלן זיך פירן מיט די מדות פונעם אייבערשטען. מה הוא רחום, אף אתה רחום, מה הוא חנון, אף אתה חנון (שבת קלג:). יעשו, זיי זאלן זיך פירן, כסדר הזה, אזוי ווי מיינע שלש עשרה מדות, און דעמאלטס וועל איך זיך אויך פירן מיט זיי, מיט די מדה פון רחמנות. א טייל ראשונים טייטשען, יעשו לפני כסדר הזה, אז זיי זאלן זיך מתעטף זיין מיט א טלית, און זאגן די שלש עשרה מדות, אזוי ווי דער אייבערשטער האט געטון. אבער מען מוז נישט נאכטון די מדות פונעם אייבערשטען כדי מעורר צו זיין די שלש עשרה מדות, וויבאלד מען זאגט עס, איז עס אויך גענוג.

**דער הפלאה** אין **פנים יפות** (פ׳ כי תשא) זאגט, אז עס איז דא א ראיה, אז אפילו מען טוט נישט נאך די מדות פונעם אייבערשטען, נוצט אויך די אמירה פון שלש עשרה מדות. ווייל די ערשטע מדה איז א-ל רחום וחנון, די מדה פון רחום וחנון קען מען זיך פירן, אזוי ווי דער אייבערשטער פירט זיך, אבער די מדה פון א-ל קען מען נישט נאכטון. מען קען נישט זאגן, אז אזוי ווי דער אייבערשטער איז א-ל, זאל דער מענטש זיין א א-ל. איז א ראיה, אז מען מוז

נישט נאכטון די מדות פונעם אייבערשטען, נאר עס איז גענוג צו זאגן די שלש עשרה מדות. און דאס איז דער פשט וואס מען זאגט, א-ל הורית לנו לומר שלש עשרה, 'א-ל', די מדה פון א-ל, וואס עס איז נישט שייך אז מען זאל עס נאכטון, 'הורית', מיט דעם האסטו אונז געלערנט, 'לומר שלש עשרה', אז עס איז גענוג אז מען זאגט די דרייצן מדות.

**קומט** דער **בני יששכר** (אלול ב-ד) און ער זאגט, אז די מדה פון א-ל קען מען אויך נאכטון. מען געפונט ביי יעקב אבינו, זאגט דער פסוק (בראשית לג-כ) ויקרא לו א-ל אלקי ישראל, און די גמרא (מגילה יח.) דרשנ'ט, ויקרא לו א-ל, דער אייבערשטער האט גערופן יעקב א-ל, מי קראו א-ל, ווער האט אים אזוי גערופן, אלקי ישראל. זעהט מען, אז יעקב אבינו איז צוגעקומען צו די מדה אז ויקרא לו א-ל, מען קען הייסען א-ל. איז דאך נישט דא קיין ראיה יעצט פון א-ל, אז עס איז גענוג אז מען זאגט די שלש עשרה מדות, ווייל א מענטש קען זיין אין די מדה פון א-ל, יעקב אבינו איז געווען אין די מדה פון 'א-ל'. אזוי שטעלט זיך דער **בני יששכר**.

**דער** אמת איז, אז ביי די שלש עשרה מדות, איז דא דיעות אין די ראשונים, און אין די גמרא (ר"ה שם) איז אויך אזוי משמע, אז עס הייבט זיך נישט אן ביי א-ל, נאר עס הייבט זיך אן פארדעם. ה' ה' איז אויך פון די שלש עשרה מדות. אני ה' קודם שיחטא האדם, ואני ה' לאחר שיחטא האדם ויעשה תשובה. עס איז א מחלוקת הראשונים צו ה' ה' איז צוויי עקסטרע מדות, אדער עס איז איין מדה (עיין בתוספות שם ד"ה שלש עשרה), אבער ה' איז אויך איינע פון די מדות. קומט אויס, אז אפילו מען קען נאכטון די מדה פון א-ל, אזוי ווי יעקב אבינו, אבער די מדה פון ה', וואס ה' איז טייטש היה הוה ויהיה, דער אייבערשטער איז מהוה כל הויות, איז זיכער אז עס איז נישט שייך ביי א בשר ודם, אז ער זאל האבן אויף זיך א טיטל ה'. און ווייבאלד ה' איז אויך פון די שלש עשרה מדות, איז א ראיה אז עס איז גענוג אז מען זאגט עס.

**זאגט** מען פארן אייבערשטען, 'תאזין שועתינו ותקשיב מנו מאמר', אפילו מיר זאגן נאר די שלש עשרה מדות, נעם אן די מאמר אזוי ווי מיר זאגן עס, כיום ויקרא בשם ה', דו האסט דאך גערופן דעמאלטס מיט די שמות, און דו האסט אנגעהויבן פון ה', ה' ה' א-ל רחום וחנון, די מדה פון ה' איז דאך זיכער אז מען קען נישט נאכמאכן, איז דאך על כרחך אז דו האסט נישט געמיינט יעשו כסדר הזה צו טון בפועל אזוי ווי די מדה, נאר עס איז גענוג אז מען איז עס מזכיר.

**על** כל פנים זעהט מען פון דא, אז עס איז שייך צו זאגן, אז א מענטש זאל זיין אזוי ווי א-ל, אזוי ווי יעקב אבינו. מען געפונט נאך א פאל, ווי א בשר ודם האט זוכה געווען צו ווערן אנגערופן מיטן נאמען פונעם אייבערשטען, און דאס איז געווען חנוך. ויתהלך חנוך את האלקים, ואיננו כי לקח אותו אלקים (בראשית ה-כד), חנוך איז נתהפך געווארן פאר מלאך מט"ט, און רש"י ברענגט צו אויפן פסוק (שמות כג-כ) הנה אנכי שולח מלאך לפניך וגו', כי שמי בקרבו, אז מלאך מט"ט ווערט אנגערופן כשמו של רבו, אזוי ווי דעם אייבערשטען'ס נאמען (סנהדרין לח:), מטטרו"ן בגימטריא שד"י (תיקוני זוהר סו:). זעהט מען, אז א מענטש קען זיין אין די מדה פון א-ל, און מען קען צוקומען צו א מדריגה אז מען זאל זיין אפילו אין די מדה פון שד"י. אבער אפילו מען קען זיין אין די מדה פון א-ל, און מען קען זיין אין די מדה פון שד"י, אבער אין די מדה פון שם הוי"ה, היה הוה ויהיה, דאס איז זיכער אז עס איז נישט שייך אז א בשר ודם זאל צוקומען צו די מדריגה.

**'וידבר** אלקים אל משה', דער אייבערשטער האט גערעדט צו משה רבינו, 'אני ה'', איך בין שם הוי"ה, שם הוי"ה איז א מדה וואס קיינער קען נישט נאכמאכן. 'וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב', איך האב שוין געוויזען פאר אברהם יצחק און יעקב, 'בא"ל שד"י', אז מען קען זיין בבחינת א-ל, און אז מען קען זיין בבחינת שד"י. די בחינה פון א-ל האב איך געוויזען ביי יעקב אבינו, און די בחינה פון שד"י האב איך געוויזען ביי חנוך. אבער 'ושמי ה'', די בחינה פון שם הוי"ה, 'לא נודעתי להם', דאס איז נישט שייך ביי א בשר ודם, דאס איז נאר שייך ביים אייבערשטען.

**על** כל פנים זעהט מען פון דעם, אז עס איז שייך אז א מענטש זאל קענען ווערן אנגערופן א-ל, און

ער זאל קענען ווערן אנגערופן שד"י. און אז דער אייבערשטער האט געזאגט 'קדושים תהיו', מען זאל זיין הייליג, 'יכול כמוני', אפשר פארלאנגט מען פון אונז, אז מיר זאלן זיין אזוי ווי חנוך, און מיר זאלן זיין אזוי ווי יעקב אבינו, אונז זאל מיר צוקומען צו די מדרגה פון א-ל, און צו די מדרגה פון שד"י, דאס איז וואס דער אייבערשטער פארלאנגט פון אונז. 'תלמוד לומר', שטייט אין פסוק, 'כי קדוש אני ה', אז מען רעדט פון מיין קדושה, איך בין דאך ה', און די מדה פון ה' איז דאך זיכער אז דו קענסט נישט זיין אזוי ווי איך. און אז דער ה' קען נישט זיין כמוני, איז א סימן אז קדושים תהיו מיינט נישט כמוני, מען בעהט נאר אנשי קודש תהיון לי (שמות כב-ל), אזוי ווי דער **רבי פון קאצק** האט געזאגט, מלאכים האט דער אייבערשטער גענוג אויבן, דער אייבערשטער בעהט פון אונז, אז מיר זאלן זיין מענטשען, און אזוי זאלן מיר זיין קדושים. אנשי קודש תהיון לי, מען זאל נישט זיין נאר קדושים, נאר מיר זאלן זיין מענטשליכע קדושים. טון וואס מען דארף צו טון, עסן, טרינקען, שלאפן און האנדלען, און ביי יעדע זאך זאל מען מכוון זיין לשם שמים, אז עס זאל האבן אין זיך א קדושה.

*

***<u>יום שני פרשת אמור</u>***

אחר התפלה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **ישראל שמחה ווייזער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש כוונת הלב. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר כך הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

*

***<u>יום שלישי פרשת אמור</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **ארי' לייב בינער** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** התחלת כתיבת ספר תורה של הר"ר **מרדכי גלאזער** הי"ו.

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בת הר"ר **שרגא צבי שפיץ** הי"ו (מאנסי), עב"ג בן הר"ר **שמואל יוסף פעלדמאן** הי"ו (ב"פ).

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן ש"ב **הרה"ג רבי משה מנחם ווייס שליט"א** דומ"ץ פאפא ב"פ, עב"ג בת **הרה"ג רבי מרדכי אהרן מייזעלס שליט"א** רב דבית המדרש איחוד התלמידים סאטמאר (וומסב"ג), שהתקיים באולם אימפיריעל.

*

***<u>יום חמישי פרשת אמור</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***<u>יום שישי פרשת אמור</u>***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת גרויז ע"ה (אשת הר"ר משה גרויז הי"ו).

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**א' האבלים**: מיט איבער צען יאר צוריק בין איך געווען ביי א דרשה פון פרקי אבות, און דער רב האט דעמאלטס מעורר געווען אקעגן דעם

אינטערנעט. מען האט נאך דעמאלטס נישט געוואוסט וואס דאס איז אינטערנעט. האט דער רב דעמאלטס געזאגט, איך בין שוין נישט קיין צוואנציג יאר אלט, און נישט דרייסיג יאר אלט, ב"ה איך האב די זכיה און איך זיץ באהלה של תורה, און מיט דעם אלעם, ווען איך זאל האבן צוטריט, ווייס איך נישט צו איך וואלט מיך געקענט צוריקהאלטן.

**רבינו:** אזוי שטייט אין פרק (אבות ב-ד) אל תאמין בעצמך עד יום מותך, שהרי יוחנן כהן גדול שימש בכהונה גדולה שמונים שנה ולבסוף וכו' (ברכות כט.). אין די וויענער ישיבה איז מיט יארן צוריק געווען א משגיח, א פארצייטישער חסידישער יוד, ער האט געהייסען רבי אברהם מאיר פערלמאן ע"ה. און ער פלעגט צו זאגן, אז דער **חובות הלבבות** רעדט זייער שיין צו א מענטש, אז מען זאל זיך פירן ערליך. דער פראבלעם איז נאר, אז דער יצר הרע רעדט נאך שענער...

*

**א' האבלים:** ביי א הספד מעג מען אביסל מוסיף זיין, אזוי שטייט אין שלחן ערוך (יו"ד שדמ-א), אבער אויף א מצבה דארף מען שרייבען וואס ווייניגער.

**רבינו:** עס איז א ענין יא צו שרייבן. די קינדער און די אייניקלעך קומען שפעטער, זאל מען וויסען וואס די זיידעס און די באבעס זענען געווען. עס איז נישט א חסרון אז מען שרייבט מער. מען קומט און מען ליינט, עס ברענגט א התעוררות פאר די משפחה. מען דארף נישט מגזם זיין אין די ווערלט אריין, אבער וואס עס איז אמת, פארוואס זאל מען נישט שרייבן, כדי עס זאל זיין פאר די אויגן.

עס שטייט אין מדרש (ילקוט שמעוני משלי לא) אז ווען רבי מאיר האט פארלוירן צוויי קינדער, האט די רעבעצין וואס איז געווען א קלוגע אידענע, נישט געוואלט אים אויסזאגן, כדי ער זאל זיך נישט מצער זיין. האט זי אים געפרעגט, ווען איינער באקומט א פקדון, און יענער קומט עס צוריקבעטן צו דארף מען עס צוריקגעבן. האט ער געזאגט, אוודאי דארף מען עס צוריקגעבן. האט זי געפרעגט, און ער דארף זיך מצער זיין דערויף. האט ער געזאגט, ניין, עס איז דאך נישט דיינס, עס איז יענעמס, האסט עס נאר באקומען פאר א פקדון. האט זי אים אריינגעפירט אין שטוב, און געוויזען אז די קינדער זענען אוועק.

*

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יצחק ראזענבערג** ע"ה.

*

***<u>שבת קודש פרשת אמור</u>***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הר"ר **אשר יואל פאללאק** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.